STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02898

# DEM SHAKH'S TOKHTER

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דעם ש״ד׳ס טאכטער

אַ שפּאַנענדע דערציילונג, וועגן דעם ש״ד׳ס טאָכטער, וואָס ווערט פאַרלוירן אַלס קליין קינד, קומט אָן אין קעניגליכן הויף, און דאָרט שטייט זי העלדיש אויף איר אידישקייט, און נישט קוקנדיג אויף די גליקן וואָס מ׳טראָגט איר אָן, אַנטלויפט זי פון דאָרט. דאָס אַלעס איז געשען אין דער צייט פון די גזירות פון שנת ת״ח.

לויט דעם בוך

פון מ. לעהמאַן

הוצאת "פאר"

מולי"ם של ספרי חינוך וקריאה

לחיזוק התורה והאמונה

*Photocomposition by*

**"דפוס הדר"**

**EXCELLENT VARITYPER & PRINTER**

195 Lee Avenue, Brooklyn, N.Y. 11211

Tel.: (212) 384-4249

# דעם ש״ד׳ס טאכטער

## ערשטע קאַפּיטל

עס איז נאָר וואָס געענדיגט געוואָרן אַ רייע מלחמות, דורך וועלכע עס איז פאַרוויסטעט געוואָרן צענטראַל אייראָפּא און ס׳איז ענטשטאַנען אַ צושטאַנד פון תּהו־ובֹהו אין מַערב אייראָפּא. אַכציג יאָר לאַנג האָט דער קריג געבושעוועט אין נידערלאַנד, בּמשך פון דרייסיג יאָר האָט ער די בליענדע פעלדער פון דייטשלאַנד פערוואַנדעלט אין אַ וויסטן מִדבּר, פאַרניכטעט קונסט און וויסענשאַפט און פאַריאָגט די באַפעלקערונג פון די גרויסע שטעדט. נאָך לאַנג־יעהריגע אונטערהאַנדלונגען אין מינסטער און אסנאדריק האָבן די שָׂרִים וּמְלָכִים ענדליך זיך בעשלאָסן צו שליסן שָׁלוֹם.

מזרח־אייראָפּא איז פון די דאָזיגע מִלְחָמוֹת וועניג־וואָס באַריהרט געוואָרן און האָט געלעבט אין אַ בליהענדן וואוילשטאַנד, אָבער אָט האָט אויך דאָרט געזאָלט אויפפלאַקערן דאָס שרעקליכע פייער פון מִלְחָמה און אַרומנעמען אַ גאַנצע וועלט. פוילן, וואו אונזערע ברידער האָבן געלעבט אין גרויסע מאַסען, האָט געדאַרפט ווערן דער אָרט פון די שרעקליכע מִלְחָמה־מהומות, וואָס האָבן געבראַכט אויפין גאַנצן לאַנד אַן עלענד און אַ יאָמער, פאַר וועלכן ס׳איז שווער צו געפינען אַ נאָמען.

## ד דעם ש״ד׳ס טאכטער

דער קאָזאַקישער העטמאַן כמעלניצקי, אָדער ווי די אידן האָבן אים גערופן, דער צורר כאמיל, האָט זיך צובונטעוועט געגן דעם קעניג פון פוילן, צוליב דעם, וואָס אַ פּוילישער פירשט, האראנזי, האָט אים אַן אומרעכט געטון. דער פירשט האָט נעמליך אים אין טורמע געלאָזט אַריינשטעלן און געוואָלט אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן. כמעלניצקי׳ן איז געלונגען צו אַנטלויפן און אויפהעצן די פּראָוואסלאוונע קאָזאַקן געגן די קאַטוילישע פּאָליאקן. אַזוי אַרום האָט ער פערזאַמלט אַרום זיך 20 טויזענט קאָזאַקן, און זיינע באַנדעס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן פון טאָג־צו־טאָג. אויסער דעם האָט ער נאָך געשלאָסן אַ בונד מיט די קרימער טאַטערן, און ס׳איז איהם דעריבער לייכט געוועזן אַרויסצושטעלן אַ גאַנץ גרויסע אַרמעיי, געגן דעם נישט גרויסער דאַמאָלדיגן פּוילישער אַרמעיי, וואָס מען האָט געגן אים געשיקט, לערך זעכציג טויזענט מאַן.

די דאָזיגע אַרמעיי איז דורך אים גענומען געוואָרן אין געפאַנגעניש — פּוילן איז אַלזאָ געבליבן אָפן פאַר די האידאמאקישע אָנפאַלן, און אמגרויזאַמסטן האָבן געליטן די אידן און די פּוילישע פּריצים פון די דאָזיגע מערדערישע באַנדעס. מיר וועלן דאָ נישט גיין שילדערן אַלע זייערע אכזריות. מיט וואָס פאַראַ רציחה זיי האָבן באַפאַלן קהלות און אויסגעשאָכטן די אידישע באַפעלקערונג — אַלע דאָזיגע מַעשׂים זענען גוט בעוואוסט אין אונזער טרויערדיגער געשיכטע מיט׳ן נאָמען גזירת ת״ח ות״ט.

לאָמיר זיך בעסער אַ קער טון צו אַ שטילן און אָרעמען אידישן הויז, וואו ס׳האָט דעמאָלט געוואוינט איינער פון אונזערע גדולים מיט וועלכע דאָס אידישע פאָלק איז אַזוי רייך געווען אין די פריהערדיגע דורות.

אין אַ קליינעם הייזל אין דער אידישער גאַס אין ליטווישן שטעדטעל פירנס, האָט דעמאָלט געוואוינט רבי שַׁבְּתַי כהן מיט זיין פרוי און זיין איינציגן קינד. ווער קען עס נישט ביי אונז דעם נאָמען פון רבי שבתי כהן, אָדער ווי מען רופט אים ״דער ש״ך״, לויט׳ן נאָמען פון זיינע גרויסע פירושים ״שִׂפְתֵי כֹהֵן״ אויפ׳ן יוֹרֶה דֵעָה און חֹשֶׁן מִשְׁפָּט. ווער האָט נישט געהערט לְפָחוֹת ריידן וועגן אָט דעם באַרימטן גָאוֹן־יִשְׂרָאֵל, וואָס אויף זיינע פְּסָקִים איז רעגולירט געוואָרן דאָס אידישע לעבן, וואָס מיט זיין חֲרִיפוּת און בְּקִיאוּת דערלייכט ער ממש די אויגן פון יעדן לַמדן און גיט אים שטאָף צום דענקען, און דערוועקט אים צום לערנען, און דערפרייט אים זיין האַרץ און מוֹח דורך די שיינע און זעלטענע איינפאַלן און קלאָרע סבָרוֹת? אָט דער רבי שבתי כֹּהן איז יענער צייט געווען נאָך גאָר אַ יונגער מאַן און דאָך האָט ער זיך שוין אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסן גאוֹנוּת און גַדלוּת, אין בְּקִיאוּת ווי אין חֲרִיפוּת. זיין פרוי, די צדיקת מִרים, איז געווען דעם רמ״א׳ס אַן אוראייניקל, און, אַלס אַ טאָכטער פון באַרימטע גאוֹנִים, האָט זי זיך אויך אויסגעצייכנט מיט איר גרויסער פרומקייט און גוטסקייט. אָבער דאָס וועלטליכע גליק האָטביים גרויסן גָאוֹן אין שטוב נישט געוואוינט. זיין פרוי איז געווען קראַנק, און זיין בַּת־יְחִידָה, די זעקס יעריגע אסתר׳ל, איז געווען צאַרט און שוואַך.

מיר קומען אַריין אין הויז פון רבי שַׁבְּתַי, — טיף באַזאָרגט זעען מיר אים זיצן נעבן דעם קראַנקן בעט פון זיין פרוי. ביי זיינע קניה שטייט די קליינינקע אסתר׳ל און וויינט. די קראַנקע דרימעלט און אָטעמט זעהר שווער און לאַנגזאַם און אָט עפענט זי די אויגן און הויבט אָן ריידן מיט אַ שוואַכער שטימע:

— מיין טייערער מאַן, איך פיל, אַז איך מוז זיך שיידן פון דיר און פון אונזער טייערען קינד; איך בעט דיך, לאָז מיך אויסרעדן מיינע ווערטער, כ׳האָב דיר צו זאָגן אַ וויכטיגע זאַך: בשעת איך בין נאָר וואָס איינגעשלאָפן, איז צו מיר אין חלום געקומען מיין עלטער־זיידע, דער רמ״א, און האָט מיר געזאָגט אַז עס ערוואַרטעט אייך אַ שווערער צוקונפט. וואָרום וויסן זאָלסטו, מיין טייערער מאַן, אַ שווערע גזירה הענגט איבער אידן און שווער וועט איר מוזן ליידן, דו און אונזער קינד. אָבער איך וועל שטיין דאָרט, אין הימל, אויף דער וואַך פאַר אייך; פאַר השיי״ת׳ס כסא הכבוד וועל איך קניען, און וויינען וועל איך, און בעטן, אַז ער זאָל זיינע מַלאָכים שיקן צו אייך און בעשירמאַן אייך, שיצן און ראַטעווען אין דער שווערסטער מינוט.

און ווען די קראַנקע פרוי האָט דאָס ריידן געענדיגט, איז זי אָן כחות אויף איר קישן צוקאָפּענס צוריק געפאַלן. רבי שבתי האָט זיך בעמיט צו טרייסטן איר און בערוהיגן. זי האָט געהערט זיינע טרייסט־רייד און מילד געשמייכלט.

— מיין טייערער מאַן — האָט זי מיט אַן אָפּגעחלש׳טער שטימע געזאָגט — איך האָב זעהר פאַרשטאַנען ווי גרויס עס איז מיין גליק דיך פאַר אַ מאַן צו האָבן, אָבער אָט דאָס גליק איז מיר באַשערט געווען נאָר אויף אַ קורצע צייט, יעצט האָט זיך מיין צייט געענדיקט, לעב וואויל, מיין גרויסער מאַן, לעב וואויל, מיין זיס־קינד, מיין אסתר׳ל. זאָל אייך דער אויבערשטער באַשיצן און העלפן.

און די מיעדע אויגן פון דער צדיקת האָבן זיך פאַרמאַכט, און איר שטימע איז אָפּגעשטאָרבן, שטיל־שטיל, און אַ ליבע־פולע האַרץ פון אַ מאַמען האָט אויפגעהערט קלאַפּן, און אַ

שיינע, ריינע נְשָׁמה האָט איר הייליגן גוּף פאַרלאָזט. און ווען רבי שׂבתי האָט זיך הויך צעוויינט און אויסגערופן דעם אייביגין אידישן אויסרוף ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!״ — האָבן זיך נאָך באַוועגט די ליפּן פון דער שטאָרבענדער, לאַנגזאַם־לאַנגזאַם, איידער זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל אויף אייביג געשלאָסן.

# צווייטע קאַפּיטל

פיל וואָכן זענען אַריבער. רבי שבתי האָט נאָך דעם טויט פון זיין פרוי, זיך פאַרטיפט ווידער אין לערנען תורה און געפונען דערין זיין טרייסט. די יונגינקע אסתר איז, פונ׳ם גרויסן צער נאָך דער מוטער, קראַנק געוואָרן און האָט אַ לאַנגע צייט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. אין די דאָזיגע גאַנצע צייט האָט איר גרויסער פאָטער געלערנט תורה נעבן איר בעט. ער איז דעמאלט געווען פאַרטיפט אין דער שווערער סוגיא אין גמרא בָּבָא מְצִיעא — ״תְּקְפוֹ כֹּהֵן״. וועגן אָט דער סוגיא האָט ער זיך געקליבן צו שרייבן אַ גאַנצן קונטרס. אין לערנען פאַרטיפט, האָט ער גאָרנישט געהערט דעם שטאַרקן לאַרעם אויף דער גאַס, וועלכער איז אונטער געקומען אַלץ נענטער צו זיין הויז. ענדליך אָבער האָט ער דערהערט אַ יאָמער־געשריי: ״כאמיל קומט! די קאָזאַקן זענען דאָ!״. און איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. ווען ער איז צום פענסטער צוגעגאַנגען האָט ער דערזען כוואַליעס רויך פון די הייזער וואָס די קאָזאַקן האָבן אונטערגעצונדן. געשווינד האָט ער זיין קראַנקע אסתר׳ל איינגעהילט אין אַ וואַרימע צודעק, גענומען איר אין די אָרעמס, לאָזנדיג דאָס הויז מיט אַלע זיינע באַליבטע סְפָרים און כְּתָבים, און ער האָט זיך גענומען לויפן און פאַרקערטן ריכטונג פון וועלכן די קאָזאַקן זענען געקומען.

דאָס איז געווען אין מיטן ווינטער און דערצו נאָך אַ פרייטאג נאָך האַלבן טאָג. אָבער רבי שבתי איז, נישט לאַנג טראַכטנדיג, געלאָפן אָן אָטעם עטליכע שָׁעה לאַנג אויפן האַרט־געפרוירענעם שניי, מיט זיין קראַנקן קינד אויף דער ברוסט. הינטער זיך האָט ער געהערט די ווילדע פרייד־אויסרופן פון די מערדערישע קאָזאַקן־באַנדעס און די פאַרצווייפלטע געשרייען פון די אומגליקליכע באַפאַלענע. די געפאַר האָט געגעבן רבי שבתיין נייע קרעפטן, און צו שְׁקִיעַת

הַחַמָה איז ער ענדליך אין וואַלד אַריינגעקומען, וואו ער האָט זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאָמפּון אַ בוים. דאַן האָט ער זיין אויסגעפּוטערט ראָק אויסגעטון, אַראָפּגעלייגט זיין קראַנק קינד אויפן שניי, איינגעהילט מיט׳ן צודעק, און ווידער צוגעדעקט מיט׳ן פּוטער.

דערווייל איז אונטערגעקומען שַבָּת. וואָס פאַר אַ טרויעריגער שַבָּת! רבי שַבְּתַי אַליין אין אַ וואַלד, אַליין מיט זיין קראַנקען קינד, אָן שפּייז, אָן מענטשליכער הילף! אָבער רבי שַבְּתַי האָט נישט פאַרצווייפלט און געגלויבט דעם אויבערשטן פאַר׳ן חסד, וואָס ער האָט אים באַוויזן, אַרויסראַטעווענדיג אים מיט זיין קינד פון די רויבערישע און מערדערישע קאָזאַקן־הענד.

רבי שַבְּתַי האָט זיך געשטעלט מְקַבֵּל שַבָּת זיין, שעפּענדיג דערין טרייסט און מְנוּחַת הַנֶפֶש. די נאַכט איז געווען נישט שטאַרק קאַלט און דער פּוטער האָט געגעבן גענוג וואַרעמקייט אים און זיין קינד, ווען ער האָט ווידער אין די ארעמס גענומען צו זיך. אָבער די שוואַכינקע אסתר׳ל האָט שטאַרק געפיבערט און דער אומגליקליכער פאָטער האָט איר נישט געקענט דערלאַנגען אַפּילו קיין טראָפּן וואַרעם וואָסער! ענדליך איז אסתר׳ל טיף איינגעשלאָפן, אָבער פון אָט דעם שלאָף האָט זי זיך שוין מעהר נישט אויפגעכאַפּט. און ווען ס׳איז טאָג געוואָרן ענדליך נאָך דער אונענדליך לאַנגער, שרעקליכער נאַכט אין וואַלד, האָט רבי שבתי דערזען, אַז ער האַלט אַ טויט קינד אין די ארעמס... דער אומגליקליכער פאָטער האָט דאָס טויטע קינד אַנידער געלייגט אויפ׳ן שניי, איינגעהילט אין דער קאַלדערע, יעצט איז ער שוין געבליבן איינער אַליין אויף דער גרויסער וועלט. דאָס איינציגע קינד איז אים אָפּגעשטאָרבן. זיין הויז, זיינע ספרים און כתבים זענען מסתם פאַרברענט געוואָרן. אַלץ, וואָס איז אים טייער

געווען איז פאַרשוואונדן געוואָרן, אַ ביטערע פאַרצווייפלונג האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגנב׳ענען צו אים אין האַרצן; אָבער אָט האָט ער זיך דערמאָנט, עס איז שבת קודש, און פלוצלונג איז זיין טרויער פאַרשוואונדן; אַנשטאט דער פאַרצווייפלונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ רוהיגקייט וואָס שטאַמט פון אַ גרויסן בטחון, פאַרלאָזנדיג אויף השי״ת׳ס רצון, וועלכע ווייס נישט פון תרעומות, און קיין טענות חלילה, געגן דער הַשְׁגָחָה הָעֶלְיוֹנָה.

— השי״ת האָט אַזוי געוואָלט — האָט רבי שבתי פאַר זיך גערעדט — זאָל זיין הייליגער רצון געשעהן; היינט איז שבת קודש, מען טאָר נישט קלאָגן!

און דאַן האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען און האָט איבערגעטראַכט אין זיך די פרשה פון דער וואָך און דאָס, וואָס די חכמי האמת זאָגן וועגן איר און ווי אַזוי זיי פאַרשטייען איר.

פלוצלונג האָט אָבער רבי שבתי דערהערט אַ שאַלן פון טרומפּייטערס, וועלכער איז אונטערגעקומען צו אים אַלץ נאָענטער און נאָענטער. אָט האָבן זיך שוין געהערט די קלעפּ פון די פערדען־פּיס אויפ׳ן אייז, און דאָס בילן פון הינט.

— וועה מיר. וועה, די קאָזאַקן קומען! — האָט רבי שבתי אויסגערופן — און נישט לאַנג טראַכטנדיג האָט ער זיך גענומען לויפן, איבערלאָזנדיג דאָס טויטע קינד אין וואַלד. אַ לאַנגע צייט איז רבי שבתי געלאָפן. ביז דאָס שאַלן פון די טרומפּייטערס און דאָס בילן פון די הינט איז שוואַכער געוואָרן. דאַן האָט ער פלוצלינגדערזען פאַר זיך אַ לאָך אונטער אַ בוים און האָט זיך דאָרט באַהאַלטן. לאַנג איז רבי שבתי דאָרט געזעסן, ביז ס׳איז נאַכט געוואָרן און די שטערן האָבן זיך אויפ׳ן הימל באַוויזן. דאַן איז ער פון אונטערן בוים

אַרויסגעקומען און האָט זיך געלאָזט צוריקגיין צום אָרט, וואו ער האָט זיין טויט קינד איבערגעלאָזט, כּדי עס צו ברענגען צו קֶבֶר יִשְׂרָאֵל. אָבער ווען ער איז אויפן אָרט געקומען, האָט ער דערזען, אַז דער שניי אַרום איז שטאַרק אויסגעטראָטן פון פיל מענטשן, פערד און הינט, נאָר דער טויטער קערפּער פון זיין קינד איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

— אפשר האָבן דיווילדע מענטשן זי אין שניי פאַרשאַרט — האָט רבי שבתי אַ טראַכט געטון.

ער האָט דעריבער גענומען זיך זוכן אין שניי אַרום, אָבער קיין שפּור פונ׳ם קינד האָט ער אין ערגעץ נישט געפונען. ווען רבי שבתי האָט ענדליך זיך איבערצייגט, אַז זיין קינד איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט ער צו דער ערד זיך געוואָרפן און אָנגעהויבן ביטערלעך צו יאָמערן.

— אסתר, מיין טייערע אסתר׳ל וואו ביזטו? צו זאָל דען מיר נישט באַשערט זיין, לפחות דיך צו קֶבֶר ישראל צו ברענגען? מיין, ליב, מיין האַרציג קינד, וואָס איז מיט דיר געוואָרן?

אָט אַזוי האָט ער געקלאָגט און געוויינט לאַנג, ביז די ערגעבענהייט צו השי״ת האָט אים ווידער רוהיגקייט געשיקט און געגעבן כּח אויך אָט דאָס אומגליק אַריבערצוטראָגן מיט ערגעבנהייט. ווארום אויב אפילו ער האָט שוין אַלץ פאַרלאָרן, אפילו אויך דאָס טויטע קערפּער׳ל פון זיין איינציגן קינד — זיין ג־ט אָבער און זיין גרויסע תּורה איז דאָך ביי אים געבליבן. פון יעצט אָן האָט ער נישט קיין אַנדערע זאַך אויף דער וועלט אויסער דאָס און פאַר דעם וועט ער יעצט לעבן, און מיט די געדאַנקען האָט ער זיך געטרייסט.

# דריטע קאַפּיטל

ווען רבי שַבּתי כהן איז אין יענעם שבת אין דער פּרי אַנטלאָפן געוואָרן פון די קאָזאַקן, און זיך דערשראָקן פונ׳ם בילן פון די הינט, און פון דעם רַעש פון די רייטער, האָט ער געהאַט אַ טָעות, מיינענדיג, אַז דאָס קומט אָן אַ מַחנה קאָזאַקן. נישט קאָזאַקן זענען עס געווען; דאָס איז געווען דער קעניג פון פּוילן אין וואַלד אויף דעם יאַגד. דער קעניג איז געקומען קיין ליטא, כדי פּערזענליך צו דערדריקן דעם קאָזאַקן־אויפשטאַנד מיט כּאמיל בראש. כּאמיל איז צוקלאַפּט געוואָרן; דער רעשט פון זיינע מחנות איז אַנטלאָפן געוואָרן און אויפ׳ן וועג צוריק זענען זיי באַפאַלן דאָס שטעדטל פּרינק, זי אויסגערויבט און פאַרברענט. און אין דער צייט ווען דער פּוילישער קאמאַנדיר אסאליסקי האָט זיך געיאָגט נאָך די קאָזאַקישע מחנות, האָט דער קעניג געלאָזט איינאָרדענען אַ יאַגד אין וואַלד פאַר זיך און זיין סוויטע. בשעת די יאַגד־מחנה איז אין וואַלד צוגעקומען נאָנטער צום אָרט, וואו דאָס טויטע קינד איז געלעגן, האָט איינער פון די יאַגד־הינט עס דערשפּירט. דאָס איז געווען דער באַליבטער הונט פון קעניג, און ווייל ער איז אָן אויפהער אַרומגעלאָפן ביי דעם אָרט, וואו דאָס מיידעלע איז געלעגן, האָט דער קעניג געשיקט זיינע מְשָרתים צו זען, וואָס איז דאָרט אַזוינס. די מְשָרתים זענען באַלד צוריקגעקומען מיט דער ערקלערונג וועגן דעם זעלטענעם פאַל.

— מאַיעסטעט — האָבן זיי געזאָגט — דאָרט ליגט דער טויטער קערפּער פון אַ וואונדער־שען מיידעלע. עס מוז זיין דאָס קינד פון איינעם פון די אַנטלאָפענע פאַר די קאָזאַקן. דאָס קינד איז, דאַכט זיך, טויט.

— פּאַרצינסקי — האָט דער קעניג געזאָגט צום לייב־

דאָקטאר, וועלכער איז געריטן נעבן אים — גיב נאָר אַ קוק, אפשר לעבט נאָך דאָס קינד. ס׳איז געווען דאָס קינד פון אַן אַנטלאָפענעם ליטווישן בירגער, וועלכער וועט אונז זיין דאַנקבאַר, ווען מיר וועלן זיין קינד דאָס לעבן דערהאַלטן...

דער דאָקטאָר איז פון פערד אַראָפּגעשפּרונגען און בעטראַכט דאָס קינד.

— דאָס קינד לעבט נאָך — האָט ער ערקלערט, — ס׳איז נאָר פאַרפאַלן אין אַ קראַמף. זאָל נאָר אייער מאַיעסטעט באַפעלן איינעם פון די דינער צו נעמען דאָס קינד צו זיך אויפ׳ן פערד. אפשר וועט אונז געלונגען צו ראַטעווען איר.

דער קעניג האָט אַ וואונק געטון איינעם פון זיינע באַדינער, וועלכער האָט תּיכף דאָס קינד צו זיך אויפ׳ן זאָטעל אַרויפגענומען, און די גאַנצע קעניגליכע מחנה האָט זיך געשווינד געלאָזט רייטן צום יאַגד־שלאָס, וואו עס האָבן געוואַרט די קעניגן און איר טאָכטער, די פּרינצעסן מאַריא.

דאָ האָט מען אסתר׳ל אויף אַ בעט געלייגט און זי האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט פון איר שווערן שלאָף, אָבער באַלד נאָכדעם איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן פיבער. פיל טעג איז זי דערנאָך געווען אין לעבענס־געפאַר, אָבער צום סוף איז געקומען דער קריזיס, און דאָס יונגע לעבן האָט געזיגט. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם געזונד צו ווערן.

די יונגע פּרינצעסין מאַריא, וועלכע איז אויך אַלט געווען זעקס יאָר, האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן די צייט, ווען מען וועט איר ערלויבן צו זען דאָס מיידעלע, וואָס מען האָט אין וואַלד געפונען, און ווען דאָס איז ענדליך איר ערלויבט געוואָרן און זי האָט אסתר׳קען דערזען, האָט זי צו איר זיך צוגעבונדן אַהבת־נֶפֶש. פון יעצט אָן האָט זי נישט גערעדט

וועגן קיין אַנדערע זאַך, ווי וועגן דעם וואַלד־קינד, אַזוי אַרום איז די אויפמערקזאַמקייט פון דער קעניגין און דעם קעניג צוגעקערט געוואָרן צו אסתר׳ן. ווען דער דאָקטאָר האָט ענדליך ערקלערט, אַז אסתר איז שוין אויסער יעדער געפאַר, און מען קען זיך נעמען אויספרעגן איר וועגן איר פאַרגאַנגענהייט און וועמענס קינד זי איז, האָט מען פאַרלאַנגט פון אסתר׳ן אַז זי זאָל דערציילן, ווי אַזוי זי איז אין וואַלד אַריינגעקומען. און אסתר׳ל האָט דערציילט וועגן איר פאָטער און וועגן איר פאַרשטאָרבענער מוטער, ווי אויך וועגן דעם אַנטלויפן פון די קאָזאַקן, אַזוי אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אָפּגעראַטעוועט פון טויט אַ אידיש קינד.

— וואָס זאָלן מיר יעצט טון מיט׳ן אידישן קינד? — האָט דער קעניג געפרעגט — ווער ווייס, וואוהין איר פאָטער איז אַנטלאָפן; אַזוי גיך וועט מען אים געוויס נישט געפינען.

— זאָל נאָר אייער מאַיעסטעט ערלויבן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — מען זאָל דאָס קינד אָפּגעבן פאַר דער אידישער קהילה, וועלכע וועט שוין זאָרגן פאַר אים.

— אוי ניין, ניין, טאַטע! האָט די קליינע פרינצעסין מאַריא אויסגערופן — איך וועל נישט אָפּלאָזן דאָס וואַלד־מיידעלע! ווי שעהן וועלן מיר שפּילן צוזאַמען, ווען זי וועט אינגאַנצן געזונד ווערן! אָה, איך בעט, איך בעט, לאָז מיר איבער דאָס וואַלד־מיידעלע!

— לאָמיר צוליב טון אונזער קינד — האָט די קעניגין געזאָגט — מיר וועלן דאָס וואַלד־מיידעלע לאָזן אָפּ־שמד׳ן און אַזוי לאַנג האַלטן עס ביי אונז, ווי לאַנג מאַריא וועט וועלן מיט איר שפּילן צוזאַמען.

דער קעניג האָט גערן נאכגעגעבן די ביטע פון דער קעניגין

און פון זיין קינד און האָט באַפוילן דעם גלח צוצוגרייטן אסתר׳קען צום שמד.

עס זענען אַריבער עטליכע וואָכן ביז אסתר׳ל איז פאָלקאָם אינגאַנצן געזונד געוואָרן, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס האָט דערוועקט אַלעמענס פאַרוואונדערונג אין קעניגליכן הויף: דאָס זעקס־יעהריגע אסתר׳ל האָט זיך אָפּגעזאַגט צו עסן פון קעניגליכן טיש...

— פאַרוואָס ווילסטו נישט עסן, קליינע נאַרעלע? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט ביי איר, ווען ער האָט דערהערט, אַז אסתר זאָגט זיך אָפּ צו נעמען אין מויל אַריין געקעכטס.

— ווייל ג־ט האָט אונז אידן פאַרבאָטן צו עסן אַזעלכע שפייז — האָט אסתר׳ל געענטפערט.

— אָבער ביז היינט האָסטו דאָך דאָס יאָ געגעסן.

— יאָ, אָבער ביז היינט בין איך נאָך קראַנק געווען, און ווען מיין מוטער איז קראַנק געווען, האָט דער טאַטעשי געזאָגט, אַז כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן, מעג מען אַלץ עסן. יעצט אָבער בין איך דאָך שוין געזונד, יעצט מעג איך עסן נאָר פון אַ אידישן טיש!

— נו — האָט דער דאָקטאָר פאַר זיך אַ זאָג געטון — ס׳איז צייט, אַז דער גלח קיריל זאָל זיך נעמען צו זיין אַרבייט.

דער גלח קיריל איז געווען דער וִדוי־פאָטער פונ׳ם קעניג. ער איז באַלד געקומען און האָט אָנגעהויבן מאַכן זיינע ערקלערונגען פאַר דעם קליינעם אידישן קינד. ער האָט געטענה׳ט, אַז וויבאַלד דער פאָטער האָט איר פאַרלאָזט, אַלס טויט, איז זי דאָך פאַר אים ווירקליך אָפּגעשטאָרבן און דאָס לעבן האָט זי דאָך באַקומען נאָר דורכ׳ן קעניג און זיין גענאַד, בכן איז זי דאָך זיין באַשעפעניש און איז מחויב זיין גלויבן אָנצונעמען און לאָזן זיך אָפּ׳שמַד׳ן.

ווען אסתר׳ל האָט אויסגעהערט דעם גלחיס רייד, האָט זי זיך ביטערליך פונאַנדערגעוויינט. זי האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל זי פריי לאָזן, אָדער גאָר דער׳הרג׳ענען צום טויט, — אין יענער צייט זענען זעהר אָפט געווען די פאַלן, ווען די אידן פלעגן זיך לאָזן אַליין דער׳הרג׳ענען דורך די קאָזאַקן אויף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אַבי נאָר נישט צו שְׁמַד׳ן זיך, און אסתר האָט געהערט פריהער וועגן דעם דערציילן פיל מאָל. ס׳איז פאַר איר דעריבער קלאָר געווען, אַז אויך זי מוז בעסער אין טויט אַריין גיין, איידער לאָזן זיך אָפּשמַד׳ן. זי האָט זיך דעריבער אויף דער ערד געוואָרפן, געוויינט און געקלאָגט הויך, בעטענדיג נאָר, אַז מען זאָל איר בעסער דער׳הרג׳ענען איידער אָפּ׳שמַד׳ן.

איר געוויין האָט דערהערט די קליינע מאַריא, וועלכע איז געווען אין אַ זייטיגן צימער, און אָט איז זי אַריינגעלאָפן מיט אַ געשריי:

— מיין ליבינקע וואַלד־מיידעלע, פאַרוואָס וויינסטו אַזוי? ווער האָט זיך דאָס דערוואויגן דיר שלעכטס צו טון?

אסתר האָט נישט געקענט ענטפערן און האָט נאָר אָנגעוויזן אויפ׳ן גלח.

— איהר גלח קיריל? — האָט מאַריא געפרעגט פאַרוואונדערט.

— ניין, מיין טאָכטער — האָט דער גלח געענטפערט — פאַרקערט, איך וויל זי גליקליך מאַכן, זי זאָל אינגאַנצן דיין שוועסטערל זיין, זי זאָל אַ קריסטין ווערן.

— און דו ווילסט נישט אסתר? — האָט די פרינצעסין געפרעגט.

— ניין, ניין! — האָט אסתר׳קע אויסגערופן העפטיג — איך וויל נישט, איך וויל אַ אידיש קינד בלייבן, איך וויל

בעסער שטאַרבן אויף קִדוּשׁ הַשֵׁם, ווי איידער זיך צו שְׁמַד׳ן ח״ו.

מאַריא האָט איר פריינדין דאַן אויפגעהויבן פון דער ערד, געהאַלזט און געקושט איר און אירע טרערן געטריקענט.

— זיי רוהיג, אסתר׳ל — האָט זי געזאָגט — עס וועט דיך קיינער נישט צווינגען. דו ביזט דאָך מיין ליבינקע שוועסטער׳ל. קום מיט מיר אין גאָרטן אַריין צו די שיינע שמעקעדיגע בלומען.

און אסתר האָט אונטער די טרערן זיך גליקליך צולאַכט. און מאַריא האָט איר האַנט אַרום גענומען, און אַוועקגעפירט פאַרביי דעם גלח, פאַר וועלכן זי האָט זיך פאַרנויגט דורכגייענדיג. באַלד האָט מען אין גאָרטן געהערט דעם געזאַנג און דאָס פרייליכע געפילדער פוןביידע קינדער, וועלכע זענען זיך געשפרונגען אַרום די שיינע בלומען, און אויף די גרינע גראָז. קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז איינס פון די דאָזיגע פרייליכע קינדער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַזאַ שווערן קאַמף פאַר איר גלויבן.

דער גלח קיריל אָבער איז צום קעניג אַוועקגעגאַנגען און אָפגעגעבן אים אַ באַריכט וועגן זיין דורכפאַל ביים אידישן קינד. דער קעניג איז זעהר בייז געוואָרן און האָט געוואָלט באַפעלן אָפצושיקן דאָס קינד צו דער אידישער קהילה; אָבער די קעניגין האָט נישט געוואָלט לאָזן צונעמען ביי איר קינד די איר ליב־געוואָרענע חבר׳טע.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דעם קעניג׳ס לייב־דאָקטאָר, וועלכער האָט ערקלערט, אַז מיט דער צייט וועט דאָס אידישע קינד ווייכער ווערן. מען וועט זי ביסלעכווייז ערציען און צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז זי מוז אַ קריסטין ווערן, דאַן וועט זי צום שְׁמַד שוין גיין אַליין מיט׳ן גרעסטן חֵשֶׁק.

דער קעניג, ווי אויך דער גלח, האָבן דערויף פּאָלקאָם מַסְכִּים געווען. מען האָט דעריבער באַשלאָסן אויך ווייטער איבערצולאָזן אסטראָ׳קען זיין באַפריינדעט מיט די פּרינצעסין, און נישט שטערן איר.

# פערטע קאַפּיטל

דער קעניגליכער הויף איז ווידער אָפּגעפאָרן קיין קראָקא, אין דער הויפּטשטאָט פון דער פוילישער מלוכה. דאָ האָט מען באַזאָרגט, אַז אסתר זאָל באַקומען צו עסן פון אַ אידישע קיך, מען האָט נעמליך דערצו באַשטעלט אַ אידישע אַלְמָנָה, וועלכע פלעגט טאָג־טעגליך ברענגען אין קעניגליכן הויף דאָס צוגעגרייטע עסן. ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אין דער קראָקאווער אידישער קהילה, האָט דאָס דאָרט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַרוואונדערונג. פיל אידן האָבן זיך באַמיט צו זען דאָס וואונדערליכע אידישע מיידעלע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן אידישן כאַראַקטער; אָבער אין קעניגליכן הויף האָט מען געטאָן אַלס צו האַלטן אסתר׳ן אָפּגעזונדערט פון די אידן, מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט סוף כָּל סוף געלינגען זי אָפּצושמדן. די אידן האָבן דעריבער וועגן אסתר׳ן געוואוסט נאָר דאָס, וואָס די אַלטע חנה, די אלמנה האָט וועגן איר דערציילט. צוליב דעם, וואָס אסתר׳ל האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי מען האָט איר פאָטער גערופן, און די צאָל פון די אידישע קְדוֹשִים־הֲרוּגִים איז געווען זעהר גרויס, האָט מען נישט געקאָנט דערגיין, צו וועמען זי געהערט.

אינצווישן האָט זיך זעהר פאַרשטאַרקט די פריינדשאַפט צווישן אסתר׳ן און איר חבר׳טע, די פרינצעסין, מאַריא. דאָס קליינינקע אידישע טאָכטער׳ל האָט טייל־גענומען אין די לעקציע וואָס מען האָט געגעבן דער פרינצעסין, און די פרינצעסין האָט געזען אָן קנאה, ווי איר אידישע חבר׳טע יאָגט איר אַריבער אין אַלץ. אסתר האָט אַלס די טאָכטער פונ׳ם גרויסן אידישן גָאוֹן, זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענע פעהיגקייטן; זי איז מיט איר קאָפּ געווען אַ יוֹרֶשׁ׳טע פון איר גאוֹנישן פאָטער, דעם ש״ך. אויך קערפּערליך האָט אסתר׳ל זיך וואונדערליך אַנטוויקלט. פון אַ שוואַך קינד איז זי געוואָרן אַ

קרעפטיג און שעהן מיידעלע, און אַ וואונדערליכן איינדרוק האָבן געמאַכט ביידע שענע קינדערלעך, ווען זיי פלעגן אין קעניגליכן גאָרטן אַרומשפּרינגען איבער די בלומען־בייטן און זאַמלען בלומען־קראַנצן.

איינמאָל איז מאַריא געזעסן אויף אַ באַנק אין קעניגליכן לוסט־גאָרטן אין אַ זייטיגן ווינקל און האָט געפלאָכטן בלומען־קראַנצן פון די בלומען, וואָס אסתר׳ל האָט פאַר איר אָנגעריסן אויף די בייטן. די הויף־דאַמע, וואָס האָט אויף זיי געדאַרפט אַכטונג געבן, האָט זיך דערווייל אַרומשפּאַצירט אין גאָרטן, פּלוצלונג איז אסתר אויפגעשפּרונגען מיט אַ שרעקליכן געשריי; זי איז מיט אַן אויסטערלישן שנעלקייט צוגעשפּרונגען צו די פּרינצעסין, אָנגעכאַפּט איר פאַר׳ן נאַקן און אַראָפּגעריסן פון איר אַ שלאַנג, וועלכער האָט זיך שוין געקליבן צו בייסן און פערגיפטן. אויף אסתר׳ס געשריי איז געקומען צו לויפן די הויף־דאַמע וועלכע האָט באַלד דער׳הרג׳עט דעם שלאַנג. זי איז גלייך פון שרעק אין חלשות געפאַלן, אָבער די פּרינצעסין האָט זיך געוואָרפן אסתר׳ן אויפ׳ן האַלז און געשוואוירן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז זי האָט זי פון אַ שרעקליכן טויט געראַטעוועט. אין דעם אויגנבליק זענען אָנגעקומען דער קעניג מיט די קעניגין, וועלכע האָבן אין גאָרטן שפּאַצירט, און אָט האָבן זיי זיך דערוואוסט וועגן אסתר׳ס וואונדערליכן טאַט. די קעניגין האָט זיך צווויינט פון פרייד און געדריקט אסתר׳ן צום האַרצן. אויך דער קעניג איז שטאַרק גערירט געווען און ער האָט אסתר׳ן אויפ׳ן שטערן געקושט. מאַריא איז געווען זיין איינציג קינד און אסתר האָט זי פון טויט געראַטעוועט. דער גאַנצער קעניגליכער הויף האָט די געשעניש געזען, און פון דעם טאָג אָן איז אסתר געוואָרן ביי אַלעמען אין קעניגליכן הויף באַליבט און טייער — צו נאָר צו איר גליק?...

יאָרן זענען אַריבער. מיט אסתר׳ן איז פאָרגעקומען אַ

גרויסע פאַרענדערונג, פונקט ווי דער קעניגליכער לייב־דאָקטאָר האָט עס פאָראויסגעזאָגט. די איינדרוקן פון דער פריעסטער יוגנד זענען ביסלעכווייז פאַרשוואונדן געוואָרן; די אַלטע אידישע אלמנה, וואָס פלעגט אסתר׳ן ברענגען כָּשֵׁר עסענ׳ס, האָט איר ווייניג־וואָס געקענט געבן אויפקלערונג וועגן דער אידישער רעליגיע; האָט זי דעריבער זעהר ווייניג געוואוסט וועגן אידישקייט. די אלמנה האָט איר געבראַכט אַ סִידוּר און אויסגעלערנט איר דאַוונען, אָבער אסתר׳ל האָט נישט פאַרשטאַנען דעם פירוש־הַמִלוֹת, און מִמֵילא האָבן די תְּפִלוֹת געמאַכט אַ שוואַכן איינדרוק אויף איר געמיט. זי האָט איר אֲפִילוּ אויך געבראַכט אַנדערע אידישע ספרים אויף ״עברי־טייטש״, אָבער אויך די שפּראַך איז פאַר אסתר׳קען געווען אומפאַרשטענדליך, ווי לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ. אַזוי אַרום האָט זיך אסתר׳קע ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו די אנשויאונגען פון דער קעניגליכער סבִיבָה. פריער, כָּל זְמַן אויסער דער פרינצעסין האָט זיך מיט איר קיינער נישט אינטערעסירט, פלעגט זי זיך אָפט פאַרטיפן אין די זִכְרוֹנוֹת וועגן איר מוטער, וועגן דעם פאָטער און וועגן דער אַלטער היים; יעצט אָבער, זינט זי איז ביי אַלעמען געוואָרן שטאַרק באַליבט, האָט זי שוין אויפגעהערט צו דערמאָנען זיך וועגן דער אָרימער היים. זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן היימיש אינ׳ם קעניגליכן פּאַלאַץ, וואו אַלע האָבן איר ליב געהאַט און וואו מען האָט זיך געאיילט צו ערפילן דעם קלענסטן וואונטש אירן. זי האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט באַהאַנדלט צו ווערן ווי אַ פרינצעסין און זי האָט געטראַכט מיט שרעק וועגן יענער צייט, ווען אָט די לאַגע וועט זיך פאַר איר ענדערן.

וואָס וואָלט געוואָרן פון איר, ווען זי זאָל דוקא וועלן האַלטן זיך ביי דער אֱמוּנה פון אירע עלטערן? אָט קומט אַ איד אין קעניגליכן הויף — ״אַ איד מיט צוריסענע קליידער,

מיט גרויסע, גראָבע שטיוועל, מיט אַ געבויגענעם רוקן און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס״. קיין אַנדערן אידן האָט אסתר נישט געזען, זינט זי האָט אין קעניגליכן הויף געלעבט — צו זאָל זי דען אַמאָל אויך גלייך ווערן צו אָט דעם אידן און טיילן איר שיקזאַל מיט איינעם פון זיין גלייכן?...

ביידע מיידעלעך זענען שוין געוואָרן 12 יאָר אַלט. מען האָט שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ שידוך פאַר דער פּרינצעסין. פריער דאַרף אָבער ערשט פאָרקומען די פייערליכע צערעמאָניע מיט איר קאָנפירמאַציע.

מען האָט אויסגעקליבן אַ יונגן גלח, וועלכער האָט איר געדאַרפט פאָרברייטן צום דאָזיגן אַקט. דער גלח האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע רעדנערישע קונסט ביי דער פּרינצעסין, ווען ער האָט איר באַקאַנט געמאַכט מיט איר גלויבן. מאַריא איז אַזוי ענטציקט געווען פונ׳ם גלח, אַז זי האָט נאָך זיין אַוועקגאַנג זיך געוואָרפן אויפ׳ן האַלז פון איר חבר׳טע אסתר און זיך צעוויינט.

— מיין טייער שוועסטער׳ל — האָט זי ענדליך געזאָגט — אָה, זיי אינגאַנצן מיין שוועסטער! זיי אויך מיין שוועסטער, לויט דער אֶמונה!

אסתר האָט לייכט זיך באַפרייט פון אירע אָרעמס, זי האָט געשפּירט די באַדערפעניש אַליין מיט זיך צו זיין און איז אַנטלאָפן אין אַ זייטיג ווינקל אין גאָרטן. דאָרט האָט זי דאָס פּנים מיט ביידע הענט באַדעקט און זיך טיף פאַרטראַכט. דאָס האַרץ איז ביי איר פול געווען, אַזש ביז צום דערשטיקט צו ווערן.

בילדער פון איר פריער קינדהייט האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן פאַר איר. אָט זעט זי איר קראַנקע מוטער. אָט זיצט איר פאָטער איבער דער גמרא און ער לערנט זיך אַזוי טיף פאַרטראַכט.

— פון אייך זאָל איך זיך אָפּזאָגן!? אָה, איר ליבע עלטערן — פון אייך! — האָט זי פּלוצלונג אויסגערופן, און אַ טייך טרערן האָט זיך אַ גאָס געטון פון אירע אויגן, פאַרלייכטערנדיג איר דאָס געפּרעסטע האַרץ.

אָבער אָט האָבן איר אַפּאָר וואַרימע אָרעמס אַרומגענומען און הייסע קושן האָבן איר פּנים באַדעקט. דאָס איז געווען די פּרינצעסין, וועלכע האָט נאָך אַ לאַנגע זוכן געפונען איר אין גאָרטן.

— אֶפשר האָב איך דיר עגמת־נֶפֶש פאַרשאַפט, מיין ליב־האַרץ? — האָט די פּרינצעסין אויסגערופן — איך האָב עס גאָרנישט געוואָלט! דו ביזט און בלייבסט מיין זיסע שוועסטער׳ל, אויך ווען דו בלייבסט אַ איד. אָבער ווען דו וועסט מיין גלויבן אָננעמען, וועט דער קעניג דיר רייך מאַכן, ווי אַן אייגן קינד. דו וועסט ביי מיר בלייבן; דו וועסט חתונה האָבן פאַר אַ רייכן הער, פאַר אַ פּריץ, און דו וועסט שטענדיג קאָנען זיין ביי מיר, וואָס וועט אָבער ווערן פון דיר, ווען דו זאָלסט אַ אידיש קינד ווערן?

און ווידער האָט מאַריא זיך געוואָרפן איר אויפין האַלז און געוויינט; אויך אסתר האָט אָנגעהויבן וויינען און געזאָגט:

— איך וועל זיך נישט שיידן מיט דיר!

— טאָ וועסטו אונזער גלויבן אָננעמען? — האָט מאַריא מיט פרייד אויסגערופן.

אסתר האָט נישט געקאָנט ענטפערן. די הויפמייסטערן איז געקומען צו נעמעןביידע יונגע מוידן צום שפּאַציר.

# פיפטע קאַפּיטל

אסתר האָט געשפּירט, אַז לאַנג וועט זי זיך נישט קאָנען האַלטן געגן די שטורעמדיגע איינדרוקן, וואָס לאָזן זיך שפּורן אין איר טאָג־טעגליכן לעבן. דאָס אָרימע קינד איז, נעביך, געשטאַנען איינע אַליין אין השיי״תּ׳ס וועלט, אָן גייסטיגער הילף און שטיצע. וואָרום נישט פיינד האָבן איר געוואָלט צווינגען אָנצונעמען אַ פרעמדע גלויבונג, דאָס זענען געווען אירע בעסטע גוטע פריינד, וועלכע האָבן איר געשילדערט דאָס קריסטליכע גלויבונג אַלס דאָס העכסטע מענטשליכע גליק; אויף דער זייט פון קריסטענטום האָט מען איר געוויזן אַלץ אין פאַלקאָמער ליכטיגקייט און פריינדליכקייט, דאגעגען אויף דער זייט פון דעם אידישן גלויבונג האָט מען איר אַלץ פאָרגעשטעלט טרויעריג און פינסטער. אַזוי אַרום איז פאַר איר כּמעט גאָר אונמעגליך געווען אויסצוקלויבן...

און אַ שענעם וואַרימען זומער־טאָג, נאָכמיטאָג־צייט, איז די הויפדאַמע געפאָרן אויפ׳ן שפּאַציר מיט דער פּרינצעסין און איר חבר׳טע אסתר אין וואַלד אַריין. די קרעפטיגע פייערדיגע פערד זענען געפלויגן אין די געדיכטע שאָטענס פון וואַלד, ווי אַ ווילדער שטורם־ווינט. די פּרינצעסין מיט איר חבר׳טע זענען זיך געזעסן טיף פאַרטראַכט און האָבן כּמעט גאָרנישט געהערט די רייד פון דער פראַנצויזישער הויפדאַמע, וועלכע האָט געפּלאַפּעלט אָן אויפהער, פּלוצלונג האָט זיך צובראָכן אַן אנק אונטער דער קאַרעטע, און די קאַרעטע איז זיך אינגאַנצן צופאַלן, אָבערביידע פריילינס זענען אַרויסגעשפּרונגען אומגעשעדיגט. נאָר די הויפדאַמע איז געפאַלן אין חלשות. מען האָט זי באַלד אויפגעמינטערט, און דער באַדינער האָט פאָרגעלעגט, אַז איידער מען וועט די קאַרעטע פאַרריכטן, זאָלן די מוידן דערווייל מאַכן אַ שפּאַציר צו־פוס אין וואַלד. זיי האָבן אָנגענומען זיין פאָרשלאַג.

עס איז פונקט געווען אַ הייסער זומער טאָג, ווען די גאַנצע לופט איז אָנגעזאַפּט מיט עלעקטרישע שטרעמונגען, וועלכע זאָגן פאָראויס אַ נאָענטן שטורם, דער האָריזאָנט האָט זיך שוין טאַקע אָנגעהויבן באַדעקן מיט בליי־שווערע וואָלקענס, ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ העפטיגער ווירבל ווינט. און די שפּאַצירענדע האָבן זיך געשפּירט גליקליך צו קאָנען אַריינקומען אין אַ קרעטשמע, וואָס איז זיך געשטאַנען איינזאַם אין אַ זייטיגן ווינקל אין וואַלד. אַהין האָט דער קוטשער אויך געבּרענגט די פערד מיט דער קאַרעטע צו פאַרריכטן.

אין פוילן זענען אין יענער צייט כּמעט אַלע קרעטשמער געווען אידן, ווי זיי זענען אויך געווען כמעט די איינציגע בּעלֵי מְלָאכָה אין גרויסן לאַנד. דער אידישער קרעטשמער האָט עס געהאַלטן פאַר׳ן גרעסטן גליק צו קאָנען אויפנעמען ביי זיך די פּרינצעסין מיט אירע הויפדאַמען און בעדינטע. מען האָט תּיכף געשיקט אַ שפּעציעלן שליח קיין קראקא, כּדֵי צו מעלדן דאָרט וועגן דער געשעעניש און אָננעמען מיטלען, אַז די צוויי מוידן זאָלן קענען איבער־נעכטיגן אין דער קרעטשמע, נאָכדעם ווי עס איז שוין נאַכט געוואָרן און דער שטורם האָט אַזוי' געבושעוועט, אַז ס׳האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן פאָרן אין דער פינסטערער נאַכט צוריק אין שטאָט אַריין.

דער שטורם איז דערווייל געוואָרן אַלץ העפטיגער און שרעקליכער. ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן אויף אַ שרעקליכן אופן. די פראַנצויזישע הויפדאַמע, וועלכע איז צו אַזעלכע שטורעמס נישט געוואוינט געווען ביי זיך אין דערהיים, האָט זיך דערשפּירט זעהר שוואַך, און די פּרינצעסין האָט געהאַט פיל מיה צו באַרוהיגן איר. אסתר אָבער האָט פאַר זיך אויסגעבעטן די ערלויבעניש אַריינצוגיין אויף אַ ווײַלע צום אידישן קרעטשמער. דאָס איז נעמליך געווען אַן

ערב שבת, און אסתר האָט געוואָלט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געפינען זיך אום שבת ביי אַ אידישן טיש. דער אידישער קרעטשמער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז די אַריינגעקומענע איז עס די אידישע טאָכטער, וואָס לעבט אין קעניגליכן הויף. אסתר האָט קיין אידיש נישט פאַרשטאַנען, און דער איד האָט מיט איר גערעדט פויליש, ערקלערענדיג איר, אַז ער וועט עס האַלטן פאַר׳ן גרעסטן גליק צו קענען איר אויפנעמען ביי זיך צום שבת־טיש און מְכַבֵּד זיין איר מיט אַלע געשמאַקע עסנ׳ס פון דער אידישער קיך.

— איר זענט, גנעדיגע פריילין — האָט דער קרעטשמער געזאָגט — אַ צווייטער דָנִיאֵל.

אסתר האָט געבעטן, אַז ער זאָל איר ערקלערן, וואָס דאָס באַדייט, און דער קרעטשמער האָט איר דערציילט ווי נאָכ׳ן חורבן בֵּית־הַמִקְדָשׁ האָט נְבוּכַדְנֶצַר אַריינגענומען אין זיין הויף עטליכע אידישע קינדער, וואָס איינער פון זיי איז געווען דָנִיאֵל, און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו עסן פון קעניגליכן טיש נישט קיין כָּשֵׁר׳ע עסענס.

דער איד האָט ווייטער דערציילט אסתר׳ן וועגן דניאל׳ס גרויסע נִסְיוֹנוֹת, פון זיינע חֲבֵרִים — פון דעם קאַלך־אויבן, אין וועלכן מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן, וועגן דעם לייבן־גרוב, אין וועלכן מען האָט דניאלין אַריינגעוואָרפן. דאַן האָט זיך דאָס געשפּרעך געווענדעט צום דעמאָלסדיגן אידישן לעבן, און דער אידישער קרעטשמער האָט דערציילט די העלדישע מַעֲשִׂים פון די אידישע קְדוֹשִׁים, וועלכע זענען אין טויט אַריינגעגאַנגען פריילך און מוטיג, אַבי נאָר צו בלייבן געטריי זייער ג־ט און זייער פאָלג. אסתר האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און איר זענען ווידער לעבעדיג געוואָרן די אַלטע זִכְרוֹנוֹת פון דער פריער יוגענד. ווי

קליין און שוואַך שפּירט זי זיך יעצט אין פאַרגלייך מיט אַלע יענע אידישע קְדוֹשִׁים, מיט די זְקֵנִים, פרויען און קינדער, וועלכער האָבן אַליין דעם האַלז אויסגעשטרעקט צו דער שְׁחִיטָה, אַבִי נאָר נישט אין שְׁמַד צו גיין, און בלייבן געטריי דעם אידישן פאָלק און דער אידישער תּוֹרָה.

עס איז אונטערגעקומען דער שַׁבָּת. דער אידישער קרעטשמער איז אויף אַ ווײַלע אַרייַנגעגאַנגען אין אַ הינטער־שטוב. באַלד נאָכדעם איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ לעכטיגע צוּרה. אַ ציכטיגער, אין זיינע שבת׳דיגע מַלְבּוּשִׁים, אין אַ זיידענער קאַפּעטע מיט׳ן לאַנגען שוואַרצן גאַרטל און מיט דער סויבעלנער היטל אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט אַריינגעפירט אסתר׳ן אין אַ זייטיגע שטוב, וואו ס׳איז שוין געווען געגרייט דער שבת־טיש מיט אַ שניי־ווייסן טישטעך און עס האָבן געלויכטן די צניעוּת׳דיגע שַׁבּת־ליכט. דער פאָטער האָט געבענטשט זיינע קינדער. אסתר איז צו געגאַנגען און האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אויך איר בענטשן. ער האָט איר אַרויפגעלייגט די הענד העכער די קאָפּ און געזאָגט אויף פּויליש:

— בִּתִּי, יְשִׂימֵךְ אֱלקִים כְּשָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל, וְלֵאָה — זאָל, מיין טאָכטער, דיך גאָט מאַכן ווי אונזערע אִמָּהוֹת, שרה, רבקה רחל און לאה!

— אָמֵן! — האָט אסתר געענטפערט מיט אַ האַלב פאַרשטיקטער שטימע, און פון דעם אויגנבליק אָן האָט זי שוין געוואוסט פעסט, אַז זי בלייבט אַ אידישע טאָכטער און זי וועט ביישטיין אַלע נִסְיוֹנוֹת.

אויף צו מאָרגענס איז די פּרינצעסין מיט דער הויפדאַמע אָפּגעפאָרן צוריק אין הויף אַריין, אָבער אסתר האָט געפּועלט, אַז מען זאָל איר ערלויבן צו בלייבן איבער שבת אין וואַלד ביים אידישן קרעטשמער. זי האָט אויסגענוצט דעם טאָג

נאָכצופֿרעגן זיך אַלץ וועגן אידישקייט. דער קרעטשמער איז גראָד געווען אַ איד אַ לַמדן און ער האָט איר אַלץ ערקלערט אַזוי קלאָר און דייטליך, אַז זי האָט דערשפּירט, ווי שווערע שטיינער האָבן זיך ביי איר פֿון האַרצן אַראָפּגעקייקלט.

זונטיג אינדערפֿרי איז געקומען אַ קעניגליכע קאַרעטע, וועלכע האָט אָפּגעפֿירט אסתר׳ן צוריק אין קראקא, אין קעניגליכן הויף אַריין.

אין שפּעטן זומער איז דער קעניגליכער הויף אַריבערגעפֿאָרן אין קעניגליכן יאַגד־שלאָס אין ליטא. דער יונגער גלח, וואָס האָט געדאַרפֿט צוגרייטן די פּרינצעסין מאַריא צו דער קאָנפֿירמאַציע, איז מיטגעפֿאָרן. אסתר האָט שטענדיג געמוזט זיצן ביי די לעקציעס פֿונ׳ם גלח פֿאַר דער פּרינצעסין, אָבער זינט יענעם שבת אין דער אידישער קרעטשמע איז זי געזעסן בלויז אַלס שטומער עֵדות, און די ״זיסינקע״ רייד פֿונ׳ם גלח האָבן אויף איר נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק. מאַריא האָט דאָס באַמערקט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט מְצַער זיין איר חבר׳טע און האָט געשוויגן. די זאַך האָט אָבער שטאַרק פֿאַרדראָסן דעם גלח און ער איז שטאַרק בייז געוואָרן אויף דער ״פֿאַר׳עַקשנ׳טער״ אידישער טאָכטער. ער האָט דעריבער פֿאַרקלאָגט איר ביים קעניג. דער קעניג האָט געלאָזט רופֿן צו זיך אסתר׳ן און ער האָט גערעדט מיט איר מילד און פֿריינדליך. ער האָט איר צוגעזאָגט צו געבן איר אַ רייכן נדן אויף אַ קעניגליכן אופֿן און אויסזוכן פֿאַר איר אַ חָתָן צווישן די רייכסטע און חָשוב׳סטע פּריצים פֿון זיין סוויטע, נאָר זי זאָל נישט זיין אַזוי פֿאַר׳עקשנ׳ט און נישט פֿאַרשליסן איר האַרץ פֿאַר דער דאַנקבאַרקייט אין דעם קריסטליכן גלויבן.

נישט ענטפֿערענדיג קיין וואָרט, האָט אסתר זיך פֿאַרנויגט פֿאַר׳ן קעניג, אַרויסלאָזנדיג דערביי צוויי הייסע טרערן. דער

קעניג האָט דאָס באַמערקט און האָט עס אָנגענומען פאַר אַ באַווייז פון גערירטקייט און דאַנקבאַרקייט. פאַר׳ן אָפּשייד האָט ער איר געבנטשט זעהר הערצליך.

אַרויסגייענדיג פון קעניג, איז אסתר איינגעלאַדן געוואָרן צו דער קעניגן, וועלכע האָט זי אויפגענומען העכסט צערטליך און גרויס ליבשאַפט. זי האָט איר דערציילט, אַז מען האָט וועגן איר גאָר גלענצענדע פלענער. מען וועט זי רייך חתונה מאַכן מיט׳ן שענסטן פריץ פון לאַנד, אָבער מען ערוואַרטעט, אַז זי זאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון שמד׳ן זיך. די קאָנפירמאציע פון דער פרינצעסין וועט נאָר געווינען דאדורך, וואָס אין דער זעלבער צייט וועט מען אויך אָפּשמַד׳ן איר חבר׳טע.

אויך אויף די רייד פון דער קעניגן האָט אסתר קיין אַנדער ענטפער נישט געגעבן, ווי טרערן. די קעניגן האָט נישט געוואָלט צווינגען איר דוקא צו געבן אַן ענטפער תֵּיכף. זי האָט איר איינגעשלאָסן אין אירע אָרעמס און געזאָגט:

— אונזער פאַרלאַנג איז דיר יעצט באַקאַנט. פאַרשאַף אונז פרייד!

ווען אסתר איז ענדליך אַריינגעקומען אין איר צימער, האָט זי די טיר הינטער זיך פאַרשלאָסן, און געוואָרפן זיך אויף די קניע מיט אַ תפלה צו השי״ת, אַז ער זאָל איר געבן כוח בייצושטיין דעם גרויסן נִסָיון.

וואָס זאָל זי אָנהויבן צו טון? — ״אַנטלויפן, אַנטלויפן!״ — האָט אין איר אויסגערופן אַ אינערליכע שטימע. אָבער ווי אַזוי אַנטלויפט מען? דעם קעניגס אָרעם איז דאָך לאַנג און ער וועט דאָך דערגרייכן צו איר אומעטום!

# זעקסטע קאַפּיטל

אסתר איז געשלאָפן מיט דער פּרינצעסן און די הויפדאַמע אין איין צימער. די דאַמען זענען שוין לאַנג געווען פאַרטיפט אין זיסן שלאָפן, נאָר אסתר אַליין האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. אָן אויפהער האָט זי געמאַטערט דער געדאַנק וואָס טוט מען? וואָס וועט זיין? ענדליך איז זי אויך איינגעשלאָפן. אין חלום האָט זי זיך דערזען אין איר פאָטערס הויז: די מוטער ליגט טויט־קראַנק, דער פאָטער זיצט נעבן איר און לערנט, און אָט הערט זי, ווי די מוטער כאַפּט זיך אויף און זאָגט: ״אייך זענען באַשערט שווערע נסיונות, דיר און אונזער קינד. אָבער איך וועל שטיין איבער אייך אויף דער וואַך, ביים כּסא הכּבוד וועל איך פון השי״ת בעטן פאַר אייך, און איך וועל נישט רוהען, ביז ער וועט אייך זיין מלאך שיקן און אייך באַשיצן און ראַטעווען״!

— מאַמע, מאַמעשי, — האָט אסתר אויסגערופן, — מאַמעשי־קרוין, ראַטעווע מיך! דיין קינד איז אין געפאַר, אין דער העכסטער סכּנה!

— אסתר, וואָס איז דיר? — האָט די פּרינצעסן אויסגערופן, אויפכאַפּענדיג זיך.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ ליאַרם? — האָט אויך די פראַנצויזישע הויפדאַמע אויסגערופן, אויפכאַפּנדיג זיך.

אָבער אָט האָט מען אין טיר גענומען שטאַרק קלאַפּן.

— עפנט אויף, ראַטעוועט זיך, ס׳ברענט! דאָס גאַנצע פּאַלאַץ ברענט!

די דאַמען האָבן געשווינד אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די קליידער און זענען פון צימער אַרויסגעלאָפן, נאָר אסתר אַליין איז איבערגעבליבן דאָרט.

— אפשר — האָט זי זיך געטראַכט — איז יעצט די

בעסטע צייט צו אַנטלויפן? ווען מען וועט זיך דערנאָך כאַפּן, אַז איך בין נישטאָ, וועט מען מיינען, אַז איך בין פאַרברענט געוואָרן און מען וועט מיך נישט זוכן!

זי האָט דאָס פענסטער געעפנט... די פלאַמען פייער האָבן העל באַלויכטן דעם גאַנצן געגענד אַרום. פאַר׳ן פענסטער איז געשטאַנען אַ בוים; זיינע צווייגן האָט מען געקאָנט לייכט אָנכאַפּן. אָפט מאָל פלעגט אסתר מיט מאַריא, שפּילענדיג, זיך אַרויפכאַפּן אויפ׳ן בוים דורכ׳ן פענסטער און אַראָפּלאָזן זיך אין גאָרטן. אסתר האָט יעצט אויך געטון דאָס אייגענע. אויפ׳ן עק פון גאָרטן איז געווען אַ טיר׳ל, וואָס האָט זיך געעפענט אויפ׳ן גרויסן פלאַץ אַרויס. אסתר איז צום טיר׳ל צוגעלאָפן. אויב נאָר דאָס טיר׳ל וועט אָפן זיין, וועט זי זיך אויפ׳ן וועג אַרויסכאַפּן. דאָרט אַרום איז איר אַלץ גוט באַקאַנט, זי וועט שוין געפינען ביי וועמען אָפּצושטעלן זיך. ווי איז אָבער אַז דאָס טיר׳ל וועט זיין געשלאָסן, דאַן וועט זי מוזן גיין צוריק...

— אָה, ניין, זי וועט זיך בעסער אין די פלאַמען אַריינוואַרפן איידער צו מוזן זיך שמד׳ן. און אָט איז זי צום טיר׳ל צוגעגאַנגען — דאָס טיר׳ל איז אָפן. אסתר איז אויפ׳ן גרויסן פלאַץ אַרויס. ס׳איז געווען אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט. אָבער די פלאַמען פייער האָבן איר דעם וועג באַלויכטן. דאָס צאַרטע קינד האָט זיך געלאָזט אַליין אין ווייטן וועג אַריין... נאָך קיינמאָל האָט דאָס צאַרטע קינד אַ פוס נישט געשטעלט אַליין אויפ׳ן גרויסן פלאַץ אין אַ פינסטערע נאַכט, ווי וועט זיין, אַז וועלף וועלן אויף איר אָנפאַלן, אַז רויבער וועלן זי באַגעגענען? יאָ, זי וועט בעסער דורך וועלף צוריסן ווערן, איידער צולאָזן זיך אָפּ׳שמד׳ן, זי וועט בעסער שטאַרבן אין די הענד פון רויבער, איידער צו לעבן אין וואוילטאָג און ווערן אומגעטריי איר פאָלק און איר ג־ט. געשטאַרקט מיט אַזאַ באַשלוס, איז זי דרייסט געגאַנגען פאָרווערטס, אירע דיינקע

שיכעלעך האָבן זיך שוין צעריסן, די פיס זענען שוין מיד געוואָרן און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער. אָה, ג־ט, ווי לאַנג וועט דאָס דויערן אַזוי?

דאָס פּאַלאַץ שטייט דערווייל אין פלאַמען. אומזיסט באַמיט מען זיך צו לעשן עס, צו ראַטעווען עטוואָס, — דאָס פּאַלאַץ ברענט אָפּ ביז׳ן פונדאַמענט.

— איך בין גליקליך — האָט דער קעניג געזאָגט — וואָס ס׳האָט קיין מענטשן דערביי נישט געשאָדט!

— אָבער מאַריא האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן —

— וואו איז אסתר? — האָט זי אַ פּרציטערטע געפרעגט.

מען האָט אָנגעהויבן זוכן, רופן, די הויפמייסטערן זאָגט, אַז זי איז מיט איר אַליין פון צימער די לעצטע אַרויסגעגאַנגען. אָבער קיינער האָט אסתר׳ן נישט געזען. די פּרינצעסן וויינט; דער קעניג גיט אַ באַפעל צו זוכן אסתר׳ן אין שלאָף־צימער. אָבער דאָס צימער שטייט אין פלאַמען און ס׳איז אוממעגליך אַהין אַריינצוקומען. מען קען אַפילו נישט אַרויפקריכן אויפ׳ן בוים פאַר׳ן פענסטער, דען אויך דער בוים שטייט אין פלאַמען. אָה, ס׳איז קלאָר; אסתר איז פאַרברענט געוואָרן! אסתר איז דער איינציגער מענטשליכער קָרבן ביי דער גרויסער שְׂרֵפה.

— אָבער זי אַליין האָט דאָך אונז אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף! — רופט אויס די הויפמייסטערן.

— זי האָט געהאַט די געוואוינהייט צו ריידן פון שלאָף — ענטפערט די פּרינצעסין, כליפּענדיג.

די קעניגן האָט איר קינד צום האַרצן געדריקט, גליקליך, וואָס דאָס אומגליק האָט געטראָפן יענער און נישט איר קינד. מאַריא אָבער האָט נאָך לאַנג געיאָמערט און געקלאָגט נאָך איר חבר׳טע און פריינדן, וועלכע זי וועט שוין מער קיינמאָל נישט זען.

# זיבעטע קאַפּיטל

בשעת רבי שַבּתי כֹּהֵן האָט נישט געפונען זיין טויט־קינד אין וואַלד, איז ער אַ לאַנגע צייט טרויעריג דאָרט געזעסן, דערנאָך האָט ער אין טיפן יאָמער דאָס אָרט פאַרלאָזט, און איז אַוועקגעגאַנגען צוריק קיין פרינסק. אָבער דאָרט האָט ער פון זיין הויז אַ באַרג אַש געפונען. און נאָר דער געדאַנק וועגן זיין תּורה האָט אים דערמוטיגט און דערהאַלטן ביים לעבן. ער האָט אַדורכגעוואַנדערט גאַנץ ליטא און פּוילן, און אומעטום, וואו ער האָט זיין נאָמען דערמאָנט, האָט מען אים מְקַבֵּל פָּנִים געווען מיט׳ן גרעסטן כָּבוֹד; יעדע אידישע קְהִילה האָט זיך געשעצט גליקליך צו האָבן פאַר אַ גאַסט אַזאַ גָאוֹן־הַדוֹר. מען האָט אים פאַרגעלייגט צו ווערן רב אין די גרעסטע קְהִילוֹת, אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט געוואָלט זיין קינד זוכן, ווייל עפּעס אַ אינערליך געפיל האָט אים געזאָגט, אַז זיין קינד לעבט און אַז זי מוז זיך ערגעץ־וואו געפינען. אָבער אומזיסט איז געווען זיין זוכן און פאָרשן, און ענדליך האָט רבי שבּתי כּהן נאָכגעגעבן די ביטע פון דער אידישער קהילה אין העלישוי, אין מעהרן, און ער האָט דאָרט אָנגענומען דאָס לעדיג־געוואָרענע כִּסֵא הָרַבָּנוּת דאָרט האָט ער ווידער חתונה געהאַט און זיין פרוי האָט אים אַ זון געבוירן, אָבער דער געדאַנק וועגן אסתר׳קען איז קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיין האַרצן, און טאָג טעגליך האָט ער צו ג־ט מִתְפַּלֵל געווען, אַז ער זאָל אים זיין קינד צוריק אָפּגעבן.

ביי אידן איז תּמיד געווען אַ שענער מִנהג צו נעמען צו זיך פון שול אַן אורח אויף שַבּת. און אָט האָט רבי שַבּתַי כֹּהֵן באַקומען איינמאָל אַזאַ אורח א פּוילישן אידן, וועלכער איז נאָר־וואָס געקומען פון פּוילין קיין העלישוי. ביים עסן האָט דער אורח דערציילט, אַז אין קעניגליכן הויף אין קראָקא

געפינט זיך אַ אידיש מיידעלע, וועלכע איז אַ חבר׳טע פון דער פרינצעסן און זי לעבט מיט איר שטענדיג צוזאַמען. דאָס קינד זאָגט זיך אָפּ צו עסן פון קעניגליכן טיש נישט־כָּשֵׁר׳ס, און מ׳האָט דעריבער באַשטעלט אַ אידישע אַלְמָנָה, וואָס גרייט צו פאַר איר עסנס און טראָגט עס טאָג־טעגליך אין קעניגליכן הויף אַריין.

— צו ווייסט איר, ווי מען רופט דאָס קינד? — האָט רבי שַׁבְּתַי געפרעגט געשפּאַנט.

מען רופט זי נאָר — האָט דער אורח געענטפערט — די שענע אסתר!

— אָה, הלואי זאָל עס מיין אסתר׳ל זיין! האָט רבי שַׁבּתי אויסגערופן מיט פיל פרייד און האָפנונג.

— אפשר ווייסט איר — האָט ער ווייטער געפרעגט, ווי אַזוי דאָס קינד איז אַריינגעקומען אין קעניגליכן הויף?

— מען זאָגט — האָט דער אורח געענטפערט — אַז דער קעניג האָט זי געפונען אויף דער יאַגד אין וואַלד, וואו זי איז געלעגן האַלב טויט.

פאַר רבי שַׁבּתי זענען די ווערטער גענוג געווען, ער זאָל זיך ווידער אַרויסלאָזן אויפן וועג צו זוכן זיין פאַרלוירן קינד.

אויף צו מאָרגענס האָט רבי שַׁבּתי גענומען אָפּשייד פון ווייב און קינד און האָט זיך געלאָזט אויף דער רייזע קיין קראָקא, כְּדֵי דאָרט זיין קינד צו זוכן. אָבער ווען ער איז נאָך אַ לאַנגער רייזע קיין קראָקא געקומען, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער הויף געפינט זיך אין ליטא. רבי שַׁבּתי האָט זיך געלאָזט אויך קיין ליטא, כְּדֵי לְפָחוֹת צו זיין דאָרט אויף קִבְרֵי אָבוֹת.

מיט וואָס פאַראַ געפילן איז געקומען דער פיל

געפּרואוווטער גאָון, נאָך אַ לאַנגע אָפּוועזענהייט, צוריק אין זיין געבורט־לאַנד! זיין גאַנצע יוגנד, אַלע זיינע איבערלעבונגען האָט ער יעצט נאָכאַמאָל איבער געלעבט. אינ׳ם דאָזיגן לאַנד האָט ער ביי זיין פאָטער, רבי מֵאיר הַכֹּהֵן, אין דער פריהעסטער יוגענד, תּוֹרה געלערנט. כִּמְעַט נאָך גאָר אַ קינד, האָט ער שוין דאָ אַ וועלט פאַרוואונדערט מיט זיינע זעלטענע פעהיגקייטן אַזוי, אַז דעם רמ״א׳ס אַן אייניקל, רבי וואָלף ווילנער, האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַן איידעם, רבי שַׁבְּתַי, און פאַר אים אָפּגעגעבן אַ טייל פון רייכן געשעפט. רבי וואָלף פלעגט אָפּקויפן דימאַנטן ביליג און פאַרקויפן זיי פאַר פּריוואַטע קוֹנים צו גוטע פרייזן; ער פלעגט אָפט פאָרן קיין לייפּציג און מאַכן דאָרט גוטע געשעפטן. רבי שַׁבְּתַי איז דאָס דאָזיגע געשעפט זעהר געפעלן געוואָרן, און ער וואָלט זיכער אַ גרויסער עוֹשֶׁר געוואָרן. אָבער איינמאָל איז זיין פאָטער אים געקומען צום חָלוֹם און געזאָגט צו אים: ״מיין טייערער זון, דו טייערער דימאנט אין פאָלק יִשׂראל, וואָס דיין ליכטיגקייט דאַרף שטראַלן ביי אידן הונדערטער יאָרן, פאַרוואָס גיבסטו אָפּ דיינע זעלטענע פעהיגקייטן פאַר דעם גלאַנץ און ליכטיגקייט פון פּראָסטע שטיינער, ווען דו פאַרלאָזט די ליכטיגקייט פון דיין גייסט?״ פון יענעם מינוט האָט רבי שַׁבְּתַי אויפגעהערט צו ווידמענען זיך אין זיין שווער׳ס געשעפטן און האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן אויף לִימוּד הַתּוֹרָה, און אַפִילוּ אויך די גרויסע אומגליקן, וועלכע האָבן אים שפּעטער געטראָפן, האָבן אים נישט געקענט אָפּהאַלטן פון לערנען מיט געוואַלטיגער הַתְמָדָה און עַמְקוּת.

אָט דאָס אַלץ האָט זיך יעצט דערמאָנט רבי שַׁבְּתַי, ער האָט געזען יעצט פאַר זיך זיינע רייזעס קיין לייפּציג. איינמאָל האָט ער אויף דער רייזע זיך באַגעגענט אין לייפּציג מיט אַ יונגן־מאַן, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אַלץ קינד שפּילן

אינדערהיים. דאָס איז געווען אַ זון פון אַ פּוילישן פּריץ, מיט׳ן נאָמען ווראַטיסלאַוו, וועלכער האָט יעצט אין לייפּציג שטודירט, געפירט דאָרט אַן אויסגעלאַסן לעבן און איז ענדליך אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיינע גרויסע חובות. ווען רבי שַׁבְּתַי האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט ער רַחְמָנוּת געהאַט אויף זיין יוגנד־חבר, באַצאָלט זיינע חובות און באַפרייט אים פון טורמע. פון דעמאָלט אָן האָט ער מיט׳ן דאָזיגן יוגנד־חבר זיך נישט געזען און גאָרנישט געהערט וועגן אים.

ווען רבי שַׁבְּתַי איז אַזוי פאַרטראַכטערהייט זיך געגאַנגען אין וועג, האָט ער קוים־קוים געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז ער געפינט זיך אין אַ געדיכטן וואַלד; די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין; דער וועג איז געווען ניט קיין אויסגעפּאָרענער. מען האָט אין וואַלד האָלץ אויסגעהאַקט, איז אַ לעדיגער פּלאַץ געבליבן, אָבער קיין וועג איז פון אים אין ערגעץ נישט געווען. רבי שַׁבְּתַי האָט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט איבערצונעכטיגן דאָרט, ווען ער האָט אין דערווייטן אַ פייער׳ל דערזען. ער איז געגאַנגען צו דער ליכטיגקייט און איז געקומען אַזוי אַרום צו אַ גרויסער הייל, וואו מענטשן פון ווילדער געשטאַלט זענען אַרום אַ טיש געזעסן און גיטרונקען ביער. דער אַריינגאַנג אין דער הייל איז געווען אָפן. רבי שַׁבְּתַי האָט באַלד דערשפּירט, אַז דער וועג פירט אים אין אַ וועניג זיכערן אָרט, אָבער אין דער הייל האָט מען שוין דערהערט זיינע טריט און עטליכע מענטשן זענען באַלד אַרויסגעלאָפן צו אים. רבי שַׁבְּתַי האָט נאָך נישט צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, ווי עטליכע מענטשן האָבן אים אַרומגערינגלט און ער האָט דערהערט אַ דונער־שטימע:

— ווער מען און וואָס זוכסטו דאָ, איד?

— איך בין — האָט רבי שַבּתי געענטפערט — אַן אומשולדיגער וואַנדערער, און איך האָב זיך אין וואַלד פאַרבלאָנזשעט.

— דו זאָגסט ליגן! — האָבן די רויבער געענטפערט — שפּיאָן ביזטו; דו ביזט געקומען אויסשפּירן און צו פאַרראַטן אונז. דו מוזט שטאַרבן, איד!

אומזיסט האָט רבי שַבּתי פאַרזיכערט און זיך געשוואָרן, אַז ער האָט נאָר אַ נאַכט־לעגער געזוכט; אומזיסט האָט ער צוגעזאָגט קיין מענטשן אין דער וועלט נישט צו ענטדעקן וועגן דער הייל — מען האָט ביי אים צוגענומען זיין ביסל געלט און געבונדן אים. איינער פון די רויבער האָט שוין געהאַט אויפגעהויבן די האַק צו דער׳הרג׳ענען אים, אָבער פלוצלונג איז צו אים צוגעשפּרונגען זיינס אַ חבר און אַ זאָג געטאָן:

וואַרט נאָר אַביסל, וועניסלאַוו, זאָל נאָר קומען אונזער הויפּטמאַן. דו ווייסט דאָך, אַז צו ריכטן האָט נאָר ער אַליין.

— ביזט גערעכט! — האָט דער ערשטער רויבער געענטפערט און געלאָזט פאַלן זיין האַק. דאַן האָט ער אַריינגעוואָרפן דעם געבונדענעם גאַון אין אַ טונקעלען צימער.

באַלד נאָכדעם האָט מען דערהערט אַ גערויש פון רייטער.

— דער הויפּטמאַן קומט! — האָבן די רויבער אויסגערופן און זיך אויפגעהויבן צו גיין אים באַגעגענען.

דער הויפּטמאַן איז געווען אַ שעהנער, קרעפטיגער יונגערמאַן, געקליידעט ווי אַ ליטווישער פּריץ.

הויפּטמאַן — האָבן די רויבער געפרעגט — האָט דיין נעץ עפּעס־וואָס רעכטס גענימען געפאַנגען?.

— נישט זעהר — האָט ער געענטפערט — מיר האָבן נאָר

אַ יונג מיידל פאַרנומען, וועלכע וועט אונז אפשר אַריינברענגען אַ גרויסן אויסקויף־געלט. ווילוש וועט זי באַלד ברענגען אַהערצו.

אָבער פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף פון הייל.

— וורַאטיסלאוו!

— ווער ערלויבט זיך עס דאָ צו רופן מיך מיט׳ן נאָמען? — האָט דער הויפטמאַן אויסגערופן אין שרעקליכן צאָרן.

די רויבער זענען פאַרציטערט געוואָרן. דער הויפטמאַן האָט זיי געהאַט שטרענג פאַרבאָטן צו דערמאַנען זיין נאָמען, וועלכן ער האָט מיט שאַנד און פאַרברעכן באַדעקט.

וורַאטיסלאַוו — האָט זיך ווידער אַמאָל דערהערט די שטימע — קום און ראַטעווע מיך, ווי איך האָב דיך אַמאָל באַפרייט!

— צו איז עס מעגליך? האָט דער הויפטמאַן אויסגערופן

— צו איז עס נישט די שטימע פון מיין יוגנד־פריינד, שַבּתַי?

און ער האָט זיך באַלד אין הייל אַרונטערגעלאָזט און אַרויסגעפירט פון דאָרט דעם געבונדענעם רבי שַבּתַי. מיט׳ן שווערד האָט ער זיינע שטריק איבערגעשניטן, דאַן האָט ער געהייסן אַ שטול ברענגען און אַנידערגעזעצט דעם געפאַנגענעם, דערביי האָט ער אים אַ בעכער ביר דערלאַנגט און געהייסן דעם האַלב גע׳חלש׳טן טרינקען און זיך דערכאַפּן דאָס חיות, און דאַן האָט דער הויפטמאַן אים די הענט געקושט און אויסגערופן:

— שַבּתַי, שַבּתַי, דו ביזט דער איינציגער, וועלכער האָט אַמאָל אויף מיר רַחְמָנוּת געהאַט אין אַלע לעבענס־אומגליקן, וואָס האָבן געמאַכט פון מיר דאָס, וואָס איך בין יעצט!

# אַכטע קאַפּיטל

ווראַטיסלאַוו האָט תּיכּף באַפוילן אָפּצוגעבן רבי שַׁבּתי כּהן זיין ביסל געלט, וואָס מען האָט ביי אים גענומען, און דאַן האָט ער אים דערציילט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין יעצטיגער לאַגע. צוליב זיין הייסן טעמפּעראַמענט און זיינע נישט־איינגעהאַלטענע ליידענשאַפטן, האָט ער ווידער געהאַט געמאַכט גרויסע חובות און איז דאדורך אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקליכע לאַגע, און אָט אַזוי איז ער פון אַ האַפּנונגס־פולן יונגערמאַן געוואָרן אַ הויפּטמאַן פון אַ רויבער־באַנדע. רבי שַׁבּתי האָט אים געלאָזט אויסריידן ביז׳ן סוף, דאַן האָט ער אָנגעהויבן אים ערקלערן די שרעקליכקייט פון זיינע יעצטיגע מַעֲשׂים. רבי שַׁבּתי האָט גערעדט מיט׳ן גאַנצן פייער פון דער גרויסער אידישער נְשָׁמָה, ער האָט אים געשילדערט די קינדער־יאָרן, און דעם הויפּטמאַנס האַרץ איז דאַדורך אַזוי ווייך געוואָרן, אַז ער האָט צום סוף באַדעקט זיין פָּנים מיט די הענד פאַר בּושה און חַרָטָה און האָט זיך צעוויינט.

אָבער אָט איז צוגעגאַנגען אַן אַלטער רויבער און האָט אויסגערופן מיט כַּעַס:

— צו ביזטו אַן אַלטע פרוי, אַ פַּחדן, אַז דו לאָזט זיך איבעררייידן פון אַ אידן? דערמאָן זיך אָן דער שבועה וואָס דו האָסט אונז געגעבן.

— יאַנאַס — איז דער הויפּטמאַן ווילד אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי פון אָרט — צו דאַרפסטו זיך דערוועגן מיר צו דערמאָנען וועגן מיין שְׁבוּעה? שווייג, אָדער איך שטעך דיך אַדורך מיט מיין שווערד!

צווישן די רויבער האָט זיך דערהערט אַן אומצופרידענער

ברום. איינער פון זיי איז אַרויסגעטראָטן פאַר׳ן הויפּטמאַן, און האָט געזאָגט:

— הויפּטמאַן, דו ווייסט, ווי געטריי איך בין דיר; דריי מאָל האָב איך דיך פון זיכערן טויט געראַטעוועט. זיי נישט קיין קינד, הויפּטמאַן; לאָז דעם אידן זיך גיין זיין וועג און הער נישט זיינע רייד, כּדי ער זאָל דיין האַרץ נישט שווער מאַכן.

— יאָ, אַזוי מוז עס זיין — האָט וראַטיסלאָוו טרויעריג געזאָגט — איך בין מיט אייזערנע קייטן צוגעבונדן צו אָט די לייט צו רויבן און מאָרדן. איך בין אַ פאַרלאָרענער, שַׁבּתי! לעב וואויל, דו פריינד פון מיין יוגנד, און ווען דו וועסט הערן, אַז דער הויפּטמאַן וראָטיסלאָוו האָט זיין שיקזאל אָנגעיאָגט, זיי פאַר אים מִתְפַּלֵל צום אויבערשטן, וועלכער נעמט טאַקע נְקָמה פאַר די שלעכטע מַעֲשׂים, אָבער וועלכער איז אַ רַחוּם וְחַנוּן.

— אַלעסינסקי — האָט דער הויפּטמאַן ווייטער געזאָגט — נעם דעם איד און באַגלייט אים ביז צום הויפּט וועג, און דו וועסט זיין פאַראַנטוואָרטליך אַז אַ האָר פון זיין קאָפּ זאָל אים נישט פעלן!

רבי שַׁבּתי איז אויף צומאָרגענס געקומען אין אַ נאָנטן דאָרף, גאַנץ ערשעפּט פון די שרעקליכע איבערלעבענישן. דאָס דאָרף איז געשטאַנען נעבן דעם אָרט, וואו אָט אַפּאָר שָׁעה פריער איז נאָך געשטאַנען דאָס קעניגליכע פּאַלאַץ און יעצט האָבן זיך געוואַלגערט זיינע לעצטע פאָנדאַמענטן.

רבי שַׁבּתי האָט אין דאָרף געפונען אַ אידן, וועלכער האָט אים דערציילט וועגן דער שְׂרֵפה פון קעניגליכן פּאַלאַץ.

— אָה! — האָט דער איד געזיפצט — די דאָזיגע שְׂרֵיפה האָט געטראָפן אונז אידן מער, ווי אַנדערע. אסתר׳ל די

חבר׳טע פון דער פרינצעסין, איז אין די פלאַמען אומגעקומען!

ווי אַ דונער האָט די דאָזיגע ידיעה געטראָפן רבי שַבתיין. אויב עס איז, ווי ער האָט געהאָפט, ווירקליך זיין טאָכטער געווען, האָט ער זי יעצט אַ צווייטן מאָל פאַרלוירן. און יעצט שוין אויף אייביג. די קעניגליכע פאַמיליע, פאַר וועלכער עס איז אין דאָרף נישט געווען קיין געהעריג הויז, האָט זיך שוין געהאַט אַריבער געקליבן אין אַ נאָענטן פריצישן פּאַלאַץ, נאָר אייניגע דינער זענען נאָך איבערגעבליבן, כְּדֵי צו ראַטעווען פון אונטער דעם פאַרברענטן פּאַלאַץ אַלץ, וואָס מען האָט נאָך געקאָנט געפינען דאָרט. איינער פון די דאָזיגע דינער האָט זיך געקענט מיט׳ן דאָרפס־איד; צו אים האָט דער איד אָפּגעפירט רבי שַבתיין, און אָט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז געווען איינער פון יענע דינער, וועלכע זענען געווען מיט׳ן קעניג אויף דער יאַגד דעמאָלט, ווען מען האָט אסתר׳קען האַלב־טויט אין וואַלד געפונען. ער האָט יעצט דערציילט רבי שַבתיין אַלע פּרָטים פונ׳ם דעמאָלדיגן געפינס, און פאַר רבי שַבתיין איז שוין יעצט מער קיין סָפֵק נישט געווען, אַז אין דער שְׂרֵיפה פון קעניגליכן פּאַלאַץ איז פאַרברענט געוואָרן נישט קיין אַנדערע, ווי זיין טאָכטער. ער האָט אַלזאָ פאַרלוירן זיין טאָכטער אויף אייביג, און אויף אַזאַ שרעקליכן אופן...

— אָה, רִבּוֹנוֹ שֶל עוֹלָם, פאַרוואָס, איז אַזוי שרעקליך געשטראָפט דיין געטרייער קנעכט!

אָט אַזוי האָט רבי שַבתי געוואָלט אויסרופן; אָבער ער האָט דאָס נישט געזאָגט. ער האָט צום בלויען הימל די אויגן דערהויבן און אויסגערופן:

— צַדִיק ה׳ בְּכָל דְרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו, כִּי הוּא שׁוֹפֵט צֶדֶק — גערעכט איז ג־ט אין אַלע זיינע וועגן און פול מיט ליבשאַפט אין אַלע זיינע מַעֲשִׂים. ער איז דער גערעכטער ריכטער!

ער איז נאָך פאַרבליבן דאָרט עטליכע טעג, מיט דער האָפענונג צו געפונען דאָס פאַרברענטע געביין פון זיין טאָכטער; אָבער ווען מען האָט דאָס אָפּגעברענטע אָרט אָפּגערוימט און מען האָט קיין שפור פון איר נישט געפונען, האָט רבי שַׁבְּתי טרויעריג פאַרלאָזט דאָס אָרט און איז געקומען אין שטעטל פרינסק, וואו ער האָט אויף קִבְרֵי אָבוֹת מִתְפַּלֵל געווען, און דאַן האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין העלישוי.

און ווען מען האָט דאָרט געפרעגט ביי אים וועגן דעם רעזולטאַט פון זיין נְסִיעה, האָט ער געזאָגט:

איך האָב וועגן מיין קינד דערוואוסט זיך ערשט דאַן, ווען זי איז פאַר מיר ווידער פאַרלאָרן געוואָרן. ד׳ נָתַן וד׳ לָקַח, יְהִי שֵׁם ה׳ מְבוֹרָךְ — ג־ט האָט געגעבן און ג־ט האָט גענומען, זאָל ג־ט׳ס נאָמען געבענטשט זיין!

* * *

אָרימער, באַדויערנס־ווערטער פאָטער! ווי גליקליך האָסטו זיך געשפירט, אַז דו ביזט פריי געוואָרן פונ׳ם רויבער־הייל! ווען דו וואָלסט דאָרט נאָך אַ פּאָר שָׁעָה געבליבן, וואָלסטו דאָרט דיין טאָכטער צוריק געפונען; אָרימע פאַראייַנזאַמטע טאָכטער! צו האָסטו דען געקאָנט זיך דענקען, בשעת מען האָט דיך אין רויבער־הייל אַריין געפירט, אַז מיט אַ שָׁעָה פריער איז דאָרט דיין פאָטער געווען, דיין פאָטער, נאָך וועלכן דו האָסט אַזויפיל בענקשאַפט געהאַט?

וואָרום דאָס מיידל, וועלכע די רויבער האָבן אין וואַלד געפאַנגען, איז געווען נישט קיין אַנדערע, ווי אסתר...

# ניינטע קאַפּיטל

ווען אסתר האָט אויף דער לאַנגער און אומגעוואוינטער וואַנדערונג זיך דערשפּירט טויט־מיעד, האָט זי פּלוצלינג דערהערט, ווי מען רופט איר:

— האַלט שעהן קינד האָט זיך דערהערט אַ באַפעלענדע שטימע — וואוהין גייסטו אַליין אין דער נאַכט?

אסתר איז שטיין געבליבן. פאַר זיך האָט זיך דערזען אַ באַוואָפנטער מענטש, וועלכער האָט מיט דער ביקס געצילט צו איר. אסתר איז טויט־דערשראָקן געוואָרן און איז אויף די קניע געפאַלן.

דער־הרג׳עט מיך נישט! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ געוויין.

— ווער ביזטו? האָט דער מאַן געפרעגט.

— איך בין אַן אָרים מיידל, אַ יְתוֹמה — האָט אסתר געענטפערט. זי האָט נעמליך זיך פריער שוין געהאַט צוגעגרייט צו ענטפערן אַזוי יעדערן ווער ס׳וועט ביי איר פרעגן, ווער זי איז. זי האָט אין קיין פאַל נישט געוואָלט דערציילן, אַז זי שטאַמט פון קעניגליכן הויף.

— די קאָזאַקן ־ האָט אסתר ווייטער געזאָגט — האָבן פאַרברענט מיין פאָטער׳ס הויז, און איך האָב פון דעמאָלט אָן געלעבט ביי מיינע קרוֹבים — שלעכטע און גרויזאַמע מענטשן. איצט בין איך פון זיי אַנטלאָפן.

— דו האָסט זיך באַגאַנגען ווי אַ נאַר — האָט וורא‎טיסלאוו געענטפערט (דער מאַן איז נעמליך געווען דער רויבער־הויפּטמאַן) — קום, מיר וועלן דיך ווידער אָפּפירן צו דיינע קרוֹבים, אויב זיי וועלן נאָר געבן פאַר דיר אויסקויף־

געלט, ווילוש — האָט ער אויסגערופן, ווענדענדיג זיך צו אינעם פון זיינע רויבער, פיר אָפּ דאָס מיידל צו אונז אין הייל אַריין, איך גיי פאַראויס.

ווילוש איז לאַנגזאַם געגאַנגען מיט דער מיעדער אסתר; אַזוי אַרום איז אסתר אַהין אָנגעקומען, ווען רבי שַבתי האָט די הייל שוין געהאַט פאַרלאָזט. אָבער דאָך האָט די קורצע געגענוווארט פון איר פאָטער אין הייל געבראַכט איר אַ געוויסע פאַרלייכטערונג. ווייל וורATISלאָוו איז געווען נאָך אין אַ מילדער שטימונג, בשעת מען האָט זי געבערענגט פאַר אים נאָך די מוסר־רייד פון רבי שַבתי.

בשעת ווילוש האָט אסתר׳ן אַריינגעפירט אין הייל, זענען די רויבער געבליבן שטיין, ווי באַצויבערט, ווייל זי איז זיי פאָרגעקומען ווי אַ קעניגן מיט איר זעלטענער שענהייט און דער גרויסער צניעות, וואָס איז אויף איר אויסגעגאָסן.

— קום אַהער, מיין קינד — האָט דער הויפטמאַן וורATISלאָוו אויסגערופן — און ענטפער אויף מיינע פראַגן:

— ווי הייסטו?

— איך הייס אסתר.

— ווער איז געווען דיין פאָטער?

— מיין פאָטער איז געווען אַ אידישער רב.

— אַ אידישער רבֿ? דו זעסט דאָך אויס אָבער גאָר ווי אַ הויפדאַמע! ווי אַזוי קומט דאָס?

— אָה, אָט דאָס איז דאָך מיין אומגליק! מיינע קרובים זענען נאָך דעם איבערפאַל פון די קאָזאַקן געוואָרן אומגעטריי אונזער גלויבן און זיי האָבן זיך געשמדט. יעצט האָבן זיי מיך געצוואונגען אויך צו שמדן זיך און אָט בין איך פון זיי אַנטלאָפן.

— ווי אַזוי רופט מען זיי און וואו וואוינען זיי?

— דאָס וועל איך נישט זאָגן, איך וויל נישט גיין צו זיי צוריק!

— דו זאָגסט נישט? צו ווייסטו נישט, אַז מיר האָבן מיטלען צו צווינגען דיך צו זאָגן עס? וואָס קענסטו טון אונז נישט צו פאָלגן?

— איך קען שטאַרבן!

— אַזוי יונג און שוין אַזוי העלדיש?

— נישט איך בין די ערשטע פון די אידישע פרויען, וועלכע זענען אין טויט אַריין פאַר׳ן אידישן גלויבן.

— נו, פון מיינעטוועגן מעגסטו זיך האַלטן ביים גלויבן, וואָס דו ווילסט, מיר דער׳הרג׳ענען מענטשן צוליב זייער געלט, אָבער נישט צוליב זייער אֱמונה.

אָבער אָט האָט זיך אויפגעהויבן דער אַלטער רויבער יאַנאָש און ס׳איז קענטיג געווען, אַז ער וויל עפּעס־וואָס זאָגן.

— וואָס ווילסטו זאָגן, יאַנאָש? — האָט דער הויפּטמאַן געפרעגט.

— הויפּטמאַן — האָט זיך יאַנאָש אָפּגערופן — איך בין פריער אַרויסגעטרעטן געגן דיר, דאָס האָט מיר פאַרשאַפט עגמת־נֶפֶש; אָבער איך האָב אַנדערש נישט געקענט. יעצט וויל איך דיר ציינגן, אַז איך בין דיר נישט בלויז געטריי, נאָר אַז איך האָב אין זינען אויך דיין פערזענליך גליק און צופרידענהייט. לאָז־איבער דאָס מיידל ביי זיך און זאָל זי דיך באַדינען נאָך דיין מיהפולער, בלוטיגער אַרבייט. מיט מיינע אויגן וועל איך אויף איר אַכטונג געבן; מיט מיינע אָרעמס וועל איך זי פאַרטיידיגן, אַז קיין אַנדערער פון אונזערע לייט זאָל זיך נישט דערוועגן אָנצורירן איר!

— צו ווילסטו ביי מיר בלייבן, אסתר? — האָט דער הויפּטמאַן געפרעגט. — דו וועסט ווערן די קעניגן פון די וועלדער און וועסט, ווי אַ קעניגן לעבן. דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס איך וועל מיט מיין שטאַרקן ארעם בעקומען, וועט געהערן דיר, און הונדערט העלדישע לייט וועלן דיר דיענען, ווי קנעכט.

אסתר האָט דעם הויפּטמאַן צו די פיס זיך געוואָרפן.

— דער׳הרג׳ע מיך! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ געוויין — אָבער צווינג מיך נישט צו באַגיין אַן אומרעכט.

— הויפּטמאַן — האָבן די רויבער אויסגערופן — לאָז נישט אָפּ פון אַזאַ טייערן אוצר! אַזאַ מיידל וועסטו אין גאַנץ ליטא און פוילן נישט געפינען!

אסתר איז פון דער ערד אויפגעשטאַנען; שטאָלץ האָט זי אויפ׳ן הויפּטמאַן געקוקט.

— הויפּטמאַן — האָט זי געזאָגט — דערמאַן זיך אָן דעם אַלמעכטיגן ג־ט, וועלכער נעמט נְקָמָה פאַר פאַרברעכערס, אָבער ער איז אויך באַרעמהאַרציג און גנעדיג פאַר די, וועלכע טוען גוט׳ס. זיי באַרמהערציג געגן מיר און ג־ט וועט אויך זיין באַרמהערציג אַמאָל געגן דיר!

— מיידל — האָט דער הויפּטמאַן אויסגערופן, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט — ווער האָט דיך געלערנט צו זאָגן אָט די ווערטער, וועלכע ס׳האָט מיט אַ שָׁעָה צוריק מיר געזאָגט מיין יוגענד־פריינד? מיין פריינד צוליב, וועל איך דיין גלויבן רעספּעקטירן. מיר שיקן דיך אָפּ קיין ווילנא, זאָל דאָרט די אידישע קְהִילָה געבן פאַר דיר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים. ביז דאַן ביזטו אין פאָלקאָמער זיכערקייט.

ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע לייט:

— געדענקט, וואָס איך זאָג אייך; ווער ס׳וועט איר אָנרירען מיט אַ פינגער, דער וועט מיט׳ן טויט באַשטראָפט ווערן!

און רעדנדיג אַזוי, האָט ער אַ ווינק געטון צום אַלטן רויבער ווילוש צו געבן אסתר׳ן אַ באַזונדער צימער אין דער הייל און אַ שליסעל צו דער טיר, כְּדֵי צו קענען איר פאַרשליסן פון אינעווייניג. אינ׳ם דאָזיגן צימער דאַרף זי פאַברלייבן ביז ס׳וועט אָנקומען די ידיעה, אַז מען וויל איר אויסקויפן אין ווילנא.

אסתר האָט אים געוואָלט דאַנקען, אָבער דער הויפּטמאַן האָט זיך אָפּגעקערט און נאָר געזעדט פאַר זיך:

— איך גלויב, שַׁבתי, אַז דו וועסט מיט מיר צופרידן זיין, ווען דו וועסט זיך דערוויסן, ווי אַזוי איך האָב זיך היינט באַגאַנגען מיט אַ טאָכטער פון דיין פאָלק.

# צענטער קאַפּיטל

שוין הונדערטער יאָרן איז ווילנא געווען אַ ״עיר ואֵם בְּיִשְׂרָאֵל״ — אַ הויפּט שטאָט און אַ מוטער־שטאָט פאַר׳ן יודענטום. דאָרט האָבן געוואוינט העכער 30 טויזנד אידן, וועלכע האָבן זיך אָבער אָפּגעגעבן, נישט ווי פאַרצייטן די אידן אין דייטשלאַנד, בלויז מיט׳ן קליין־האַנדל, נאָר אויך מיט אַלערליי מְלָאכוֹת, פון די איינפאַכסטע ביז די העכסטע־קינסטלערישע. אַ הויז האָט זיך דאָ געבויט דורך אידישע בויער, סטאָליערס און מויערער, וועלכע האָבן געקענט זייער אַרבייט אויפ׳ן בעסטן אופן; די אידישע שוסטערס האָב דאָרט געלעגט פאָדקאָוועס דעם פערד, דער אידישער שמיד האָט דאָרט געשמידט די שענסטע אייזערנע־כֵּלים, און דער אידישער גאָלד־שמיד האָט די שענסטע צירונגען מיט׳ן גרעסטן געשמאַק אויסגעאַרבייט פון גאָלד מיט איינגעפאַסטע דימענטן. אין שפּיץ פון דער קהילה זענען געשטאַנען די באַרימטסטע רַבָּנִים, וועלכע האָבן געהאַט אַרום זיך אַ גרויסן בֵּית־דִין.

און אָט זעען מיר אין אַ געוויסן טאָג, ווי די רָאשֵׁי הַקְהִילָה, די פַּרנסים און גַבָּאִים, צוזאַמען מיט די רַבָּנִים, האָבן זיך פאַרזאַמעלט אין קהל־שטוב. די אַרבייטער האָבן זייער אַרבייט געוואָרפן, כְּדֵי טיילצונעמען אין דער אַלגעמיינער בעראַטונג.

די זיצונג האָט געעפנט דער אַב־בֵּית־דִין.

— מיינע ברידער — האָט ער אָנגעהויבן, ווענדנדיג זיך צו די פאַרזאַמעלטע — איך האָב אייך איינגעלאַדן אַהער וועגן אַ הייליגן עִנְין, וועגן פִּדְיוֹן־שְׁבוּיִם, פון בעוואוסטן רויבער־הויפּטמאַן ווראטיסלאוו איז געקומען אַ שְׁלִיחַ־מיוחד צו מיר. די רויבער האָבן געפאַנגען אַ אידיש מיידל און זיי פאַרלאַנגען 3000 גולדן אויסקויף־געלד.

— צו ווייסט איר, ווער דאָס קינד איז און ווי רופט מען אירע עלטערן? — האָט איינער פון די פרנסים געפרעגט.

— ניין — האָט דער רב געענטפערט.

— דאָס מיידל זאָגט, אַז זי איז אַ יְתוֹמה און איז אַנטלאָפן פון אירע גרויזאַמע קרוֹבים, וועלכע האָבן איר געוואָלט צווינגען צום שְמַד, דעם נאָמען פון די קרוֹבים וויל זי נישט אויסזאָגן.

— און פאַר אַזאַ אונבאַקאַנטע זאָלן מיר צאָלן אַזאַ שטיק געלד? — האָט דער פרנס אויסגערופן — אונזער קהילה איז דאָך יעצט שרעקליך פאַראָרימט נאָך די טרויעריגע אָנפאַלן פון כאַמיל. איר ווייסט דאָך, רבי, וואָס אונזערע חֲכָמִים זאָגן, אַז פאַר שְבוּיִם דאַרף מען צאָלן נישט מער, ווי זיי זענען ווערד אַלס שקלאַפן, ווייל אַנדערש וועלן די רויבער מאַכן זיך דערפון אַ געוואוינהייט צו כאַפן אידישע קינדער און פאָדערן פאַר זיי אַ גרויסן פִּדְיוֹן (זעה גיטין מ״ה). איך לייג פאָר צו געבן די רויבער העכסטענס 500 גולדן. און, ווען זיי וועלן זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען, זאָל מען דאָס מיידל איבערלאָזן וואו זי געפינט זיך.

— הער פרנס — האָט דער רב געענטפערט — איך מוז אייך באַמערקן, אַז דער מאמר פון אונזערע חֲכָמִים איז נישט קיין אַלגעמיינער, און עס זענען פאַרהאַן פאַלן פון אויסנאַמען, ווען מען מוז צאָלן אויך פיל גרעסערע סומעס אויסקויף־געלד. לויט ווי דער שליח האָט מיר ערקלערט, וועלן די רויבער העכסט צופרידן זיין אויב מען וועט זיי קיין אויסקויף־געלט נישט געבן, ווייל דאָס מיידל איז אַ זעלטען געלונגענע, און זיי ווילן זי אָפּגעבן אַלס מַתָּנה זייער הויפּטמאַן. ער האָט מיר בפירוש געוואָרנט נישט צו דינגען זיך.

דאַן האָט דער רב דערציילט גענויער אַלץ, וואָס דער

רויבער־שליח האָט אים איבערגעגעבן, ער האָט דערציילט, ווי דער רויבער־הויפּטמאַן האָט מיט אַ שָׁעה פריער געהאַט גענומען געפאַנגען אַ רָב, וועלכן ער האָט דערקענט, אַלס זיין חבר פון דער יוגענד און ער האָט אים פריי־געלאָזט; ער האָט מיר דערציילט וועגן דער העלדישקייט פונ׳ם מיידל, וואָס וויל בעסער גיין אין טויט אַריין, איידער צו ווערן אומגעטריי דעם יודענטום.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען שטאַרק גערירט געווען פונ׳ם רבי׳ס ערציילונג, נאָר דער ערשטער פרנס איז זיך געבליבן פעסט: די קהילה איז שרעקליך פאַראָרימט און זי קען נישט ברענגען קיין גרויסע קָרְבָּנוֹת. די איבריגע פאַרזאַמלטע האָבן ביטער געזיפצט, אָבער זיי האָבן געמוזט מוֹדֶה זיין, אַז דער פרנס איז פאַרט גערעכט.

אָבער, דאָ האָט זיך דערהויבן דער יונגסטער פון די פאַרזאַמלטע, רבי מנחם, האָט ער געהייסן; ער איז צוליב זיין יוגענד נאָר־וואָס אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פון די קהלה־לייט.

— ערווירדיגע און חשוב׳ע הערן — האָט ער געזאָגט — ערלויבט מיר אינ׳ם געגענווערטיגן פאַל אַראָפּצונעמען די שווערע מַשׂא פון דער קהלה, איך בין גרייט פון מיין קעשענע צו באַצאָלן די 3000 גולדן.

— לאַנג לעבן זאָל רבי מנחם! — האָבן די פאַרזאַמלטע אויסגערופן מיט פרייד און הִתְלַהֲבוּת. דער רב האָט אויסגעשטרעקט דעם נַדבן זיין האַנד און געזאָגט:

— יְבָרֶכְךָ אֱלקִים, בְּנִי, וְיוֹסִיף לְךָ כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה! זאָל דיך ג־ט בענטשן, מיין זון, און זאָל דיר הונדערט־פאַך אָפּגעבן פאַר׳ן קָרבּן, וואָס דו ברענגסט היינט.

רבי מְנַחֵם איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים, איבערצוגעבן זיין פרוי וועגן זיין באַשלוס און נעמען דאָס געלט. זיין פרוי, גוטא, האָט געבענטשט איר מאַן פאַר זיין גרויסער גוטמוטיגקייט, און דעם זעלבן טאָג איז רבי מנחם אָפּגעפאָרן מיטן רויבער־שליח, כְּדֵי אויסצוקויפן אסתר׳ן. דעם הויפּטמאַן האָט ער געטראָפן אין אַ קרעטשמע ביים גרויסן פלאַץ; וואו ער האָט אים דאָס געלט אויסגעצאָלט; דאַן האָט אים ווראטיסלאוו אָפּגעפירט צו דער פּערציטעטער אסתר.

— באַנעם זיך מיט איר גוט — האָט דער רויבער געזאָגט, — זי פאַרדינט עס!

רבי מנחם האָט אַריינגעבראַכט אסתר׳ן צו זיך אין הויז און גוטא האָט איר אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט.

— אָרים קינד! — האָט זי געזאָגט: — נאָך אַזוי יונג, אַזוי שעהן און אַזוי פיל געליטן!

— אָה, — האָט אסתר געענטפערט — לאָזט מיך אייער דינסט זיין. איר האָט מיך געקויפט פאַר אַ הויכן פרייז, און איך בין אייער אייגענטום; איך וויל אייך דינען, ווי אַ שקלאַווין איר הערין.

— ניין, ניין, מיין קינד, — האָט גוטא געענטפערט — מיין פריינדין, מיין שוועסטער, מיין טאָכטער וועסטו זיין. ג־ט האָט מיר קיין קינדער נישט געגעבן און איך באַטראַכט דיך אַלס אַ ליבע מַתָּנָה פון זיין גרויסן נאָמען!

— און אסתר איז געבליבן ביי רבי מנחם אין הויז. זי האָט דערציילט אירע וואוילטעטער וועגן איר פריער יוגנד, וועגן איר מוטער און איר גרויסן פאָטער אָבער קיינמאָל האָט

זי נישט דערמאָנט וועגן איר לעבן אין קעניגליכן פּאַלאַץ ביים הויף, דען זי האָט נאָך אַלץ געשראָקן זיך, אַז מען קען איר מיט געוואַלד צוריק אָפּנעמען און ס׳וועט איר ווידער אויסקומען אויסצושטיין אַ גרויסן קאַמף פאַר איר אידישקייט.

רבי מנחם׳ס הויז איז געווען אַן עכט יידישליך הויז. די אָרימע לייט און לומדים האָבן דערין געפונען פאַר זיך שטענדיג אָפענע טירן און אַן אָפּן האַרץ. דאָ האָבן געהערשט עכט יידישליכע מִנְהָגִים און דער גייסט פון דער תּוֹרה, און רבי מנחם פלעגט טאָג־טעגליך אָפּרייסן זיך פון זיינע גרויסע געשעפטן און לערנען תּוֹרה ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דערביי איז ער אָבער געווען אַן אויסגעצייכנטער סוֹחר און ער האָט מַצְלִיחַ געווען אין אַלע זיינע געשעפטן. זיין פרוי גוטא האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַלע מִדּוֹת טוֹבוֹת פון אַ אידישע טאָכטער. זי איז געווען מילד און זאַנפטמוטיג, קיינמאָל האָט מען פון איר קיין בייז וואָרט נישט געהערט און איר האַנד, ווי דאָס האַרץ, איז שטענדיג געווען אָפן פאַר׳ן אָרימאַן.

אסתר האָט זיך באַלד דערשפּירט היימיש אינ׳ם דאָזיגן הויז. אָפט האָט זי פאַרגליכן איר יעצטיג לעבן מיט איר פריערדיג לעבן אין קעניגליכן הויף, מיט די דאָרטיגע יאַגדען און פאַרגעניגנס, מיט די בעלער און הוליאנקעס, קיינמאָל האָט זי אָבער נישט געשפּירט קיין בענקשאַפט נאָך יענעם לעבן און יענער פּראַכט, פאַרקערט, זי האָט ביי רב מנחם׳ן אין שטוב זיך געשפּירט פיל רוהיגער, געמיטליכער און גליקליכער.

דער גליקליכער צושטאַנד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט אין רבי מנחם׳ס הויז, גוטא איז געווען צו־שוואַך פאַר דעם וועלט, זי האָט געהערט צו יענע פיינע נאַטורן, וואָס האָבן אַ צאַרטן גייסט אין אַ שוואַכער הילע.

צוויי יאָר זענען פאַריבער, זינט אסתר איז אַריינגעקומען אין רבי מנחם׳ס הויז, אסתר איז שוין יעצט אַלט געווען פערצען יאָר און פאָלקאָם ענטוויקעלט, קערפערליך, ווי גייסטיג. און אָט האָט גוטא איינמאָל גערופן איר מאַן אין דער זייט און געזאָגט צו אים:

— מיין טייערער מאַן, איך פיל, אַז מיינע יאָרן זענען געציילטע; באַלד וועל איך די וועלט מוזן פאַרלאָזן.

— אָה, רעד נישט אַזוי! — האָט רבי מנחם אויסגערופן מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָס איז די פעולה, ווען איך וועל פאַרמאַכן די אויגן פאַר דער ווירקליכקייט און אָפּנאַרן זיך אַליין! ווען די בלעטער פון די בוימער וועלן אָנהויבן פאַלן, וועסטו מיך אַרויסטראָגן אַהין, וואו פיל רוהען אין פרידן. דו אָבער, דו ביזט נאָך יונג און דו דאַרפסט אויך קינדער האָבן. אָה, נעם זיך פאַר אַ ווייב אסתר׳ן, דאָס איז אַ פערל אָן גלייכן!

רבי מנחם האָט זיך צעוויינט און געבעטן זיין ווייב נישט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען, אָבער גוטא האָט זיך פון אירע געדאַנקען נישט אָפּגעזאָגט און זי האָט אויך מיט אסתר׳ן גערעדט וועגן דעם, זי האָט געבעטן אסתר׳ן צו באַגליקן איר מאַן און נישט אָפּזאָגן זיך פון אים, ווען זי, גוטא, וועט שוין אויף דער וועלט נישט זיין.

אויך אסתר האָט זיך צעוויינט און געבעטן גוטין נישט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע טרויעריגע זאַכן, אָבער גוטא האָט געשפירט ריכטיג: ווען די בלעטער פון די בוימער האָבן אָנגעהויבן פאַלן, האָט אויך זי אירע אויגן צוגעמאַכט און מען האָט איר צו קֶבֶר־יִשְׂרָאֵל געפירט.

רבי מנחם האָט געבעטן זיין שוועסטער, אַז זי זאָל

אַרייננעמען אסתר׳ן צו זיך אין שטוב, דאָרט איז אסתר פאַרבליבן אַ גאַנץ יאָר און דאַן האָט זי חתונה געהאַט מיט רבי מנחם׳ן.

# עלפטע קאַפּיטל

רבי מנחם און אסתר זענען געווען אַ גליקליך פּאָר־פּאָלק, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די בְּרָכוֹת פון דער פאַרשטאָרבענער גוטא שוועבן איבער זיי. אסתר האָט געבאָרן אַ זון און דערנאָך אַ טאָכטער, וועלכע זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן גוטא. די עלטערן זענען מיט די דאָזיגע קינדער געווען פּאָלקאָם גליקליך, אָבער אָט האָבן זיך פינסטערע וואָלקענס פאַרשפּרייט אויפ׳ן האָריזאָנט פון דער ווילנער קהל. פירשט פּאול ראַדזיוויל, דער ליטווישער אויבערהאַר, האָט אַרויפגעלייגט אויף דער ווילנער קהלה אַ שטייער פון 100 טויזענט גאָלד־דוקאַטן, כְּדֵי צו געבן אויפ׳ן באַוואָפנען די אַרמעיי וואָס דער פירשט האָט געמוזט צושטעלן אין דער מִלְחָמה צווישן פוילן און שוועדן. ס׳איז פאַר דער קהִלה גאָר אומעגליך געווען צו געבן אַזאַ סומע, וואָס איז פאַר יענער צייט געווען אַן אומגעהויער גרויסע. מען האָט דעם פירשט ערקלערט די אונמעגליקייט צוזאַמענצונעמען אין ווילנא אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע, אָבער ער האָט עס גאָרנישט געוואָלט הערן און האָט געסטראַשעט אַרויסצוטרייבן די אידן פון ווילנא, אויב זיי וועלן זיין באַפעל נישט ערפילן, און נישט צו־שטעלן דאָס געלט אין דער באַשטימטער צייט. אין יענע צייטן האָט מען נישט געוואָלט וויסן פון רעכט און גערעכטיגקייט, נאָר פון געוואַלד: דער שטאַרקער האָט זיך שטענדיג געהאַלטן גערעכט געגן דעם שוואַכערן.

וואָס טוען אידן אין דער נויט? מען האָט זיך גענומען בעטן דעם אויבערשטן. מען האָט גוֹזֵר תַּעֲנִית געווען, געזאָגט סְלִיחוֹת, מִתְפַּלֵל געווען, די שוהלן זענען געווען געפּאַקט פון פאַרצווייפעלטע אידן. מען האָט דאַן געשיקט דעפּוטאַציעס, איינע נאָך דער אַנדערער צום פירשט, אָבער זיי האָבן אַלע גאָרנישט אויסגע׳פּועל׳ט. נָשִׁים צַדְקָנִיוֹת זענען געגאַנגען צו דער

פירשטין בעטן, אָבער זי האָט ערקלערט, אַז דער מאַן האָט איר שטרענג פאַרבאָטן צו מישן זיך אין די אידישע אנגעלעגנהייטן.

אויך אין רבי מנחס׳ס הויז האָט געהערשט אַ טיפער טרויער. רבי מנחם האָט דערציילט זיין פרוי וועגן די ביטעס פון די פרויען ביי דער פירשטין, וועלכע האָבן נישט געבראַכט קיין נוצן.

— ווי הייסט די פירשטין? — האָט אסתר געפרעגט — און וועמענס טאָכטער איז זי?

— דו ווייסט דען נישט? — האָט רבי מנחם געענטפערט פאַרוואונדערט — פירשט ראדזיווילס פרוי איז דאָך די טאָכטער פון פוילישן קעניג, זיין בת־יחידי׳קע מאַריא.

אסתר איז דערשראָקן געוואָרן, ווען זי האָט דאָס דערהערט. מאַריא, איר ליבע שוועסטע מאַריא, איז געווען די פרוי פונ׳ם שרעקליכן המן! אַ שטראַל פון האָפנונג האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אסתר׳ן אין האַרצן.

— איך געה צו דער פירשטין! — האָט זי אויסגערופן.

— וואָס פאַר אַ נוצן וועט זיין דערפון? — האָט רבי מנחם געפרעגט.

און אָט דאָ האָט אסתר צום ערשטן מאָל דערציילט איר מאַן איר גאַנצע יוגענד־געשיכטע. רבי מנחם האָט געהערט ערשטוינט.

— דאָס ביזטו אַלזאָ יענע העלדענמוטיגע אסתר, וועגן וועלכער מען האָט ביי אונז אַזוי פיל גערעדט? און איך בין עס דער גליקליכער מענטש צו האָבן פאַר אַ ווייב אַזאַ הייליגע יידישע טאָכטער, וועלכע האָט זיך פון פירשטליכע קרוינען אָפּגעזאָגט, אַבי נאָר ביים יודענטום צו בלייבן! אָה, רבונו שֶׁל

עוֹלָם, מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט, אַז דו זאָלסט מיך אַזוי בענטשן!

רבי מנחם איז געשטאַנען פאַר זיין פרוי מיט אַ געפיל פון הויכער עהרעפאָרכט.

— געה מיט ג־ט! — האָט ער ענדליך געזאָגט — און זאָל דער אויבערשטער מַצְלִיחַ זיין דיין וועג.

אסתר האָט אָנגעטון איהרע בעסטע מַלְבּוּשִׁים און איר טייערסטע צירונג האָט זי אויף זיך אַרויפגעוואָרפן. רבי מנחם האָט באַזאָרגט אַ קאַרעטע אָפּצופירען זיין פרוי אין פירשטליכן הויף, וועלכער איז געווען אַ האַלבע שָׁעָה רייזע ווייט פון ווילנא.

אָה, ווי שטאַרק האָט געקלאַפּט ביי אסתר׳ן דאָס האַרץ, ווען זי איז צו איר יוגענד־פריינדן געפאָרן!

# צוועלפטער קאַפּיטל

אין איר צימער איז געזעסן מאַריא, די פירשטן ראַדזיוויל, און האָט אַ בריוו צו איהרע קעניגליכע עלטערן געשריבן. אַ לאַנגע צייט האָט מאַריא געטרויערט נאָך איר יוגנד־פריינדן, וועלכע איז, ווי זי האָט געגלויבט, געשטאָרבן מיט אַזאַ שרעקליכן טויט. ענדליך אָבער האָבן די צייט און דער טומעלדיגע פאַרגאַנגענהייט געברענגט איר צעשטרייאונג און זי איז ווידער מונטער און פרייליך געוואָרן. מיט עטליכע מאָנאַטן פריער איז זי געוואָרן די פרוי פון פירשט ראַדזיוויל, די חתונה־פייערליכקייטן זענען פאָרגעקומען ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אין קראָקא, יעצט איז זי גליקליך געווען צו לעבן ווייט פון טומעלדיגן הויף־לעבן. אין איר בריוו צו אירע עלטערן האָט זי אויסגעדריקט איר גליק און איר פרייד. און אָט האָט מען איר געמעלדעט וועגן אַ אידישע פרוי, וועלכע בעט אויפגענומען צו ווערן.

— אָה — האָט מאַריא געזאָגט — ווידער די אַלע געשיכטע, אין וועלכער איך טאָר זיך נישט אַריינמישן! ווי טרויעריג עס איז נישט צו קאָנען העלפן! איך וויל בעסער גאָרנישט הערן איר ביטע. זאָג, קאַטינקע, דער יודענע, אַז איך קען זי נישט אויפנעמען.

דאָס קאַמער־מיידל איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער באַלד איז זי צוריק אַריינגעקומען, ווייל אסתר האָט איר אַ גאָלדענע מַטְבֵּעַ אַריינגערוקט.

— קעניגליכע הויכקייט — האָט דאָס מיידל געזאָגט — די אידישע פרוי זאָגט, אַז זי וויל נישט באַלעסטיגן אייך מיט אַ ביטע, נאָר זי וויל אייך איבערגעבן אַ וויכטיגע מעלדונג.

— פיר זי אַריין.

און אסתר איז אַריינגעקומען און האָט אין טיפער אויפרעגונג דערזען איר יוגנד־חבר׳טע, די קעניגליכע טאָכטער. יאָ, דאָס איז געווען ווירקליך איר פריינדין, אָבער ווי גרעסער און אַנטוויקלט זי איז געוואָרן! צוויי גרויסע טרערן זענען ביי איר פון די אויגן אַרויסגעפאַלן.

— איר וויינט, גוטע פרוי? — האָט די פרינצעסין געזאָגט

— אָה, סיטוט מיר לייד, וואָס איך קען אייך נישט העלפן: מיין מאַן האָט מיר שטרענג פאַרבאָטן זיך צו אַריינמישן זיך אין דער זאַך.

— איך וויל גאָרנישט ריידן וועגן יענער טרויעריגער אַנגעלעגנהייט, אייערע קעניגליכע הויכקייט, — האָט אסתר געענטפערט — איך וויל נאָר איבערגעבן אייך אַ יְדיעה, וועלכע וועט אייך פאַראינטערעסירן.

— רעדט!

— אייער קעניגליכע הויכקייט האָט אַמאָל געהאַט אַ יוגענד פריינדן, אַ יידיש מיידל...

— די אָרימענקע אסתר, וועלכע איז אומגעקומען ביי דער שרפה אין וואַלד—שלאָס!

— זי לעבט, זי איז נישט אומגעקומען!

— וואָס זאָגט איהר?

— זי לעבט! דערמאָנט אייך נאָר, הויכקייט, דעם בוים פאַר׳ן פענסטער ביים שלאָף־צימער. אויף אָט דעם בוים האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט און איז אַנטלאָפן.

— אַנטלאָפן? די אונדאַנקבאַרע! און איך האָב אַזוי לאַנג

באַוויינט איר אַלס טויט!

— נישט אומדאנקבאַר איז זי געווען — האָט אסתר געענטפערט מיט געוויין נישט קענענדיק איינהאַלטן אירע טרערן, — מען האָט פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל זיך לאָזן אָפּשמדין און ווערן אומגעטריי דעם גלויבן פון אירע עלטערן, דערפאַר איז זי אַנטלאָפן.

— און פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?

אסתר האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן; זי איז געפאַלן אויף די קני, אָנגענומען די האַנד פון דער פרינצעסין, באַדעקט איר מיט קושן און טרערן.

— מאַריא! — האָט זי ענדליך אַרויסגעשטאַמעלט — צו קענסטו מוחל זיין דיין אסתר׳קען? דאָס בין איך דאָך אסתר, דיין פערלאָרן־געגלויבטע אסתר!

מאַריא איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען, האָט זיך געוואָרפן אויפן האַלז איר יוגנד־פריינדן און האָט זיך הויך צעוויינט.

— מיין פריינדן, מיין שוועסטער! — האָט די קעניגס־טאָכטער אויסגערופן — ווי אַזוי קען איך זיין אויף דיר בייז? ניין, דו ביזט נישט געווען אומדאַנקבאַר! דו האָסט גרויס און איידל זיך באַגאַנגען!

# דרייצנטער קאַפּיטל

מאַריא און אסתר האָבן אין דער ערשטער צייט פון זייער ווידערזען זיך גאָר פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט און זיי האָבן אַ לאַנגע צייט פאַרברענגט מיט זייערע זכרונות פון דער פאַרגאַנגענער צייט. אסתר האָט איר דערציילט, וואָס עס האָט איר באַוואויגן צו אַנטלויפן, ווי זי האָט אין חלום איר מוטער געזען און געבעטן איר צו ראַטעווען זי פון שמד. און ווי דאַן איז פּלוצלונג אויסגעבראָכן די שׂרפה און ס׳איז אין איר מאָמענטאַל געבאָרן געוואָרן דער געדאַנק צו אַנטלויפן. דאַן האָט זי דערציילט, ווי די רויבער האָבן איר גענומען געפאַנגען און ווי די ווילנער קהילה האָט איר געזאָלט אויסקויפן און זי איז טאַקע אויסגעקויפט געוואָרן דורך אַ רייכן איד, וועמענס פרוי זי איז היינט און מיט וועמען זי האָט שוין צוויי קינדער. אָבער דאָ האָט זיך ביי אסתר׳ן אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ פון טיפן האַרצן.

— איך פאַרשטיי דיין זיפץ — האָט מאַריא געזאָגט — אָבער נעם זיך נישט צום האַרצן. מיין אסתר׳ס מאַן וועט גאָר נישט דאַרפן צאָלן קיין קאָנטריבוציע.

אסתר האָט טרויעריג אַ שאָקל געטון מיט׳ן קאָפּ.

— צו וואָלטן מיר דען געקענט צופרידן זיין, ווען די גאַנצע קהילה וואָלט אין אומגליק אַריינגעפאַלן.

— געוויס נישט! — האָט די פּרינצעסן געזאָגט. — מען מוז באַקומען אַן עצה, ווי אַזוי צו העלפן אייך. איך טאָר זיך נישט אַריינמישן, איך האָב עס צוגעזאָגט. — איך קען די דאָזיגע אידן! — האָט מיין מאַן, פירשט פאול, געזאָגט — זיי וועלן דיך בעטן, און דו מיט דיין גוט האַרץ וועסט זיי נישט קענען אָפּזאָגן, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיך נישט מישן אין

דער דאָזיגער אַנגעלעגנהייט — און איך האָב עס צוגעזאָגט. וואָס־זשע טוט מען יעצט?

— אָה, כ׳האָב אַ געדאַנק! — האָט די פּרינצעסן זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטון — אָה, ס׳וועט גיין; דו אַליין, מיין ליבענסווירדיגע אסתר, מוזט זיין די בעטערן פאַר די אידן.

— און דער פירשט וועט מיך וועלן הערן?

— געוויס! דו וועסט אַרויסטרעטן פאַר אים נישט אַלס אידישע טאָכטער, נאָר אַלס פירשטן. דו האָסט דאָך טאַקע די געשטאַלט פון אַ קעניגין, אָה, דאָס וועט זיין אַ שענע קאָמעדיע! דו שטעלסט זיך פאָר, אַלס מיינע יוגענד־פריינדין, פירשטן יאַבלאָנסקא, וועלכע איז געקומען צו מיר צו־גאַסט. דו וועסט אַרויסטרעטן, פאַרשטייט זיך, נישט אין דיינע קליידער, נאָר געקליידעט לויט דער לעצטער פאַריזער מאָדע. מיט קליידער וועל איך דיך שוין באַזאָרגן! דאַן וועט דער פירשט דיך זען ביי מיר, און דאַן וועט זיך שוין מאַכן אַ געלעגענהייט פאַר דיר צו רעדן, וויפיל דו ווילסט. און דאָס וועט שוין זיין דיין זאַך, מיין קלוגינקע אסתר׳ל, צו ברענגען דעם פירשט אין אַזאַ שטימונג, אַז דו זאָלסט אים קענען איבעררעדן. מען דאַרף זיך אָבער צו־איילן, איידער פּאול וועט צוריק פון דער יאַגד קומען. מיר וועלן אַריינעמען אין אונזער אינטריגע מיין קלוג קאַמער־מיידל, קאַטינקא, כּדי זי זאָל אונז נישט פאַרראַטן.

די פירשטן האָט אָנגעקלונגען און קאַטינקא איז אַריינגעקומען.

— קאַטינקא — האָט די פירשטן געזאָגט — מיר ברויכן צו האָבן אַלע דיינע המְצָאוֹת אָפּצושפּילן אַ קליינע קאָמעדיע. אָט די פרוי וועט דאָ פאַרבלייבן ביי מיר עטליכע טעג, אַלס מיין פריינדין, פירשטן יאַבלאָנסקא. כאַפּ און פערפאַק אַ

גרויסן רייזע־קאַסטן מיט מיינע בעסטע מַלְבּוּשִׁים, הייס עס אַרויסטראָגן אין וואָגן, וואָס שטייט פאַר׳ן שלאָס און פאָר מיט אָט דער דאַמע קיין ווילנא. דאָרט וועסטו איר העלפן טואַלעטע מאַכן און פריזירן איר ווי ס׳געהער צו זיין. איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, אַז זי וועט פון דיינע הענד אַרויסקומען אַ פאָלקאָמע פירשטן! ווען דו וועסט קלוג זיין און דעם סוד קיינעם נישט אויסזאָגן, וועסטו אַ גרויסע באַלוינונג באַקומען.

— אייער קעניגליכע הויכקייט וועלן מיט מיר צופרידן זיין — האָט קאַטינקא געענטפערט.

— ע־וואו, מאַדאַם, פאַרלע וואוס אַנקאָר פראַנסע? (און איר, מאַדאַם, רעדט איהר נאָך פראַנצויזיש?) — האָט מאַריא געפרעגט, ווענדענדיג זיך צו אסתר׳ן הויך.

— אָה, מאַדאַם זשע נע פאַ זאובליע סע קע זשעע אַפרי זאַ ליאַ קור די דואַ! (אה, מאַדאַם, כ׳האָב נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס כ׳האָב אויסגעלערנט אין קעניגליכן הויף) — האָט אסתר געענטפערט.

— אויסגעצייכנט! — האָט די פרינצעסין, פון פרייד, אויסגערופן — די טוישונג וועט זיין אַ פאָלקאָמע, ביז צום ווידערזען, פרינצעסין יאַבלאָנסקאַ!

אסתר איז תֵּיכף אַוועקגעגאַנגען מיט קאַטינקא אויסקלויבן און צופּאַסן פאַר זיך מַלְבּוּשִׁים פון דער פרינצעסינס קליידער־שראַנק. דאָס האָט געדויערט נישט לאַנג, ווייל אסתר און מאַריא זענען געווען פון איין עלטער און איין געוויקס. דאַן איז אסתר אָפּגעפאָרן מיט דער פרינצעסינס קאמער־מיידל קיין ווילנא. דאָרט האָט רבי מנחם, וואָס זיין ווייב האָט אים שוין דערציילט די מעשה, געמוזט באַזאָרגן פאַר ״פירשטן יאַבלאָנסקאַ״ אַ רייכע קאַרעטע מיט דינערשאַפט, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ פירשטן!

אַ שָׁעה שפּעטער האָט מען געזען אין די ווילנער יידישע גאַסן אַריינקומען אַ רייכע פּירשפּאַניגע קאַרעטע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר רבי מנחם׳ס הויז. רבי מנחם האָט מיט גרויס רעספּעקט געעפנט ברייט און גרויס די טיר פון זיין הויז און ס׳איז אַרויסגעקומען פון דאָרט אַ הויף־דאַמע — די אייגענע שטוב־לייט און שְׁכֵנוֹת האָבן מער נישט דערקענט אסתר׳ן — און אין דער באַגלייטונג פון דער פּרינצעסינס קאַמער־מיידל איז זי אין דער קאַרעטע אַריינגעקומען און איז אָפּגעפאָרן גאַלאָפּ צום פּירשטליכן שלאָס.

דער פּירשט, פּאול ראַדזיוויל, איז דערווייל געקומען פון דער יאַגד צוריק אין שלאָס אַריין, וואו זיין פרוי האָט אים איבעראַשט מיט אַן אַנגענעמער בְּשׂוּרה, אַז זי וועט באַלד האָבן אַ גאַסט, — איר יוגענד־פריינדין, די פּירשטן יאַבלאָנסקאַ. דער פּירשט האָט אָט דער יאַבלאַנסקאַ׳ן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען, אָבער ער האָט זיך פיל געהאַט אָנגעהערט וועגן איר און וועגן איר קלוגשאַפט, און ער האָט געוואוסט, אַז זי איז פריער געווען הויף־דאַמע ביי זיין פרוי. ער האָט דעריבער זיך זעהר געפרייט צו באַקענען זיך יעצט מיט איר. ביים טיש האָט מען גערעדט נאָר וועגן אָט דער יאַבלאָנסקאַ און מאַריאַ האָט געמוזט פיל דערציילן וועגן איר. נאַטירליך, האָט זי דערציילט אַזוי, אַז דער פּירסט זאָל אין אסתר׳ן דערקענען טאַקע אָט די יאַבלאָנסקאַ און נישט קיין אַנדערע.

נאָכ׳ן מאָלצייט, בשעת דער פּירשט מיט דער פּירשטן האָבן שפּאַצירט אין גאָרטן, איז אָנגעפאָרן די קאַרעטע. דער פּירשט מיט דער פּירשט זענען אַרויסגעקומען איר אַנטקעגן. די יוגענט־פריינדינס האָבן זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע פון גרויס פרייד. דאַן האָט מאַריאַ פאָרגעשטעלט די פריינדן איהרע פאַר איהר מאַן און די פּירשטן יאַבלאָנסקאַ האָט זיך פאַרנייגט לויט דער הויף־עטיקעטע.

די פרינצעסן איז איבעראַשט געוואָרן — קאטינקא האָט אַ מייסטערווערק באַוויזן, און אויך אין אסתר׳ן האָבן פּאָלקאם אויפגעלעבט די זִכְרוֹנוֹת פון לעבן אין קעניגליכן הויף, אַזוי אַז זי האָט איהר ראָלע געשפּילט אויסגעצייכנט.

מאַריא האָט אַריינגעפירט דעם ליבן גאַסט אין שלאָס־גאָרטן, וואו מען האָט קאַווע דערלאַנגט. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטער שמועס, און קיינער וואָלט נישט געקענט באַמערקן, אַז אסתר, וועלכע האָט שוין זעקס יאָר לאַנג קיין פראַנצויזיש נישט גערעדט זאָל מאַכן כאָטש דעם קלענסטן פעלער אין דער אויסשפּראַך אָדער אין אַקצענט. אֶמֶת, אין קעניגליכן הויף איז פראַנצויזיש געווען די מוטער — שפּראַך.

# פערצנטער קאַפּיטל

אסתר איז פאַרבליבן אין שלאָס עטליכע טעג. מאַריא האָט עס פאַרשטאַנען מיט דער גרעסטער קונסט איינצואָרדענען אַזוי, אַז אסתר זאָל נישט געשטעלט ווערן פאַר דער נויטווענדיגקייט צו עסן טְרֵיפָה, און פירשט ראַדזיוויל האָט עס אינגאַנצן נישט באַמערקט.

דער פירשט האָט אַלץ מער זיך פאַראינטערעסירט מיט די געשפּרעכן פון דער קלוגער פירשטן יאבלאנסקא. עפּעס איז איר גאַנצער דענקונגס־אופן פאָרגעקומען אים פרעמד, און יעדעס וואָרט איר׳ס איז געווען פאַר אים אַ מין ענטדעקונג פון אַן אומבאַקאַנטער וועלט. אסתר׳ס אַנטוויקלונג האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט איר פאַרלאָזן דעם קעניגליכן הויף. די פּאָדערונג, וואָס מען האָט איר געשטעלט צו שְׁמַדְ׳ן זיך, האָט אין איר דערוועקט אַ גאַנצע וועלט מיט געדאַנקען, באַזונדערס אָבער האָט דאָס איר באַוואויגן צו באַקענען זיך גרינדליך מיט אונזער תּוֹרה און מיט די לערע פון אונזערע חֲכָמִים. אין רבי מנחם׳ס הויז האָט זי געהאַט דערצו די בעסטע געלעגנהייט. דאָ האָט זי אויסגעלערנט אונזער אַלטע הייליגע שפּראַך פון דער תּוֹרה און פון די נְבִיאִים, דאָ האָט זי ענדליך אויך באַקומען צו לייענען יענע סְפָרִים פון אונזערע גְדוֹלִים, וועלכע האָבן אויף אַ גרונדליכן אופן ערקלערט דאָס אידישקייט. איר גייסט איז דאַדורך געוואָרן רייף, און מיט אַ ברייטן פאַרנעם. מאַריא האָט מיט שטוינען געהערט, ווי איר יוגענד־חבר׳טע רעדט וועגן גאָר הויכע עִנְיָנִים מיט דער זיכערסטער געניטקייט. אָבער נישט קִנאה האָט מאַריא דערביי געשפּירט, נאָר זי איז העכסט שטאָלץ געווען מיט איר פריינדן, אַפִּילוּ דער פירשט ראַדזיוויל איז געזעסן גאָר ווי באַצויבערט, ווען די כלומר׳שטע פירשטין האָט געהאַלטן אין רעדן. דער פירשט האָט אין די עטליכע טעג אַפִּילוּ אין זיין יאַגד פאַרגעסן, כאָטש

ער האָט דאָס דאָזיגע פאַרגעניגן לײדענשאַפטליך געליבט. זײן גאַנצע פרײע צײט האָט ער פאַרברענגט אין דער געגנוואַרט פון זײן פרוי מיט איר חבר׳טע.

לאָמיר נאָר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר ת״כ, ווען ס׳האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן די עפּאָכע פון הומאניזם. אֶמֶת, דער פאַרוויסטענדער דרײסיג־יעריגער קריג, וועלכער איז אויסגעבראָכן און האָט זיך געפירט אויף אַ שאַרפן אופן פון דער קאַטוילישער קירכע געגן די פּראָטעסטאַנטען, און האָט פיל עלענד און אומגליק דער וועלט פאַרשאַפן, — אָט דער קריג האָט פיל אָפּגעקילט ביי די קריסטן די התלַהבות פאַר דער קאַטוילישער רעליגיע, אָבער די דאָזיגע אָפּקילונג איז נאָך געווען אַן אומבאַוואוסטזיניגער; די פילאָזאָפן און די גײסטליכע האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעבויט זײערע סיסטעמען, און דער גאַנצער שטויב פון מיטלאַלטער, מיט זײן ריטער־קולט מיט אַלערלײ פאַראורטײלן ווילדע און האַלב־ווילדע האָט נאָך געהאַלטן פעסט געשמידט די קריסטליכע וועלט. די אידן זענען געווען די אײנציגע, וועלכע האָבן געהאַט אַ רײנע לערע, אַ הויכע און גײסטיגע, וועלכע איז שוין מיט טויזנטער יאָרן פריער פעסטגעשטעלט געוואָרן אַלס פונדאַמענט פון יודענטום. אין יענער צײט, האָבן אָבער די פעלקער געהאַלטן דעמאָלט די אידן אײנגעשלאָסן אין די מויערן פון געטאָ און אָט איז פאַר דער נישט־אידישער וועלט געבליבן גאָר פרעמד אַלץ דאָס גרויסאַרטיגע און ערהאַבענע, וואָס עס געפינט זיך אין די תּורה און אין די סְפָרִים פון די אידישע חֲכָמִים, און די גרויסע וועלט האָט נאָך נישט געוואוסט אָט פון די אידישע תּורה־באַלײכטונג. מען קען זיך דעריבער לײכט פאָרשטעלן, ווי שטאַרק דער פירשט ראַדזיוויל האָט געמוזט פאַרוואונדערט ווערן, ווען ער האָט פון אַ יונגער הויף־דאַמע פלוצלונג

דערהערט עפּעס גאָר נייע געדאַנקען וועגן מענטשן־רעכט און אַז אַלע מענטשן האָבן דאָס גלייכע רעכט צו לעבן אויף ג־ט׳ס ערד, דען איין ג־ט האָט אַלעמען באַשאַפן און פאַר זיי אַלעמען גלייך האָט ער די ערד געגעבן!

פירשט פּאול ראדזיוויל האָט, נאַטירליך, העפטיג געקעמפט געגן די דאָזיגע געדאַנקען; ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אויב די מענטשן זענען אַפילו יאָ געווען ברידער, האָבן אָבער הונדערטער יאָרן אויסגעבויט צווישן זיי אַ וואַנט. דער פּשוט׳ער בָּשָׂר וָדָם — האָט ער געטענה׳ט מיט היץ — איז געוואָרן שלעכטער און שלעכטער, דאַגעגען דער פּריץ איז געוואָרן אַלץ שענער און בעסער. דער פּויער האָט זיך דערנידעריגט צו דער מַדְרֵגָה פון דער בְּהֵמָה, מיט וועלכער ער אַקערט צוזאַמען, ווערענד דער אדעלמאַן שטרעבט צו העכערע וועלטן. די גאַנצע וועלט איז דאָך אָבער באַשאַפן געוואָרן נישט פאַר בְּהֵמוֹת, בכֵן געהערט די וועלט דעם אדלעמאַן און דער פּויער איז זיין אייגענטום, פּונקט ווי די בְּהֵמָה, דאָס פערד, אָדער דער הינט. וואָס דער פּויער פאַרדינט געהערט זיין פּריץ, דעם אדעלמאַן; דער אידן האָט מען איבערגעלאָזט נאָר אַ שיין פון אייגנטום, ער מעג זיך לאַנג זאַמלען כלומר׳שט פאַר זיך, כְּדֵי דערנאָך אַלץ איבערצולאָזן דעם פּריץ...

דער פירשט ראדזיוויל איז געווען נישט בעסער פון אַלע דעמאָלדיגע פּריצים, דען אַלע האָבן זיי געהאַט אָט די געדאַנקען און מיט זיי האָבן זיי געלעבט.

פאַר אסתר׳ן איז אַזוי אַרום קלאָר געוואָרן, ווי אַזוי עס איז מעגליך געוואָרן, אַז אַזאַ גאַנץ גוטער און אָרענטליכער מענטש זאָל קענען אַרויסווייזן אַזוי פיל שלעכטקייט און האַרט־האַרציגקייט צו אידן. זי האָט זיך דעריבער באַמיט קוֹדֶם כָּל צו באַקעמפן אָט די געדאַנקען פּונ׳ם פירשט, ווייל

נאָר ערשט דאַן וועט פאַר איר מעגליך זיין צו דערווייזן אים, ווי אוממענטשליך ער האַנדלט בנוֹגֵע אידן.

— מיין פירשט — האָט זי געזאָגט — איך בין גערן איינשטימיג מיט אייך, אַז צווישן דעם אדעלמאַן און דעם פויער איז דער אונטערשיד זעהר גרויס, אָבער דאָס ליגט נישט אין כאַראַקטער פון די מענטשן, נאָר אין זייער ערציהונג. די געשיכטע דערציילט אונז פון פיל פאַלן, ווען מענטשן פון די נידריגסטע פאָלקס־קלאַסן זענען מיט אַ גוטע ערציהונג געקומען צו דער העכסטער מַדְרֵגה אין דער מלוכה און אין דער געזעלשאַפט.

— יאָ — האָט דער פירשט געענטפערט — אויסנאַמען זענען געוויס פאַראַן אַפּילו אויך ביי אידן, כאָטש איך האַלט אָט די אידן נאָך פאַר פיל מער שפּלידיגע ברואים, ווי די פּויערן זענען, ווייל סיפעלט זיי די ליכטיגקייט פון דער קריסטליכע אֱמונה...

— אָבער — האָט אסתר געשווינד געענטפערט — עס לייכט פאַר זיי די ליכטיגקייט פון יודענטום, וועלכע שטראַלט מיט אַן אומגעוועהנליכער קראַפט!

— צו דען האָט איר שוין שטודירט אַביסל דאָס יודענטום אויך? — האָט פאול געפרעגט פריילין.

— געוויס, פירשט, איך האָב עס געטון — האָט אסתר ערנסט געענטפערט, — אין די גיטער פון פירשט יאבלאנסקי געפינען זיך פיל אידן. צו איז דען אַ וואונדער, וואָס אַזאַ אייביג אַלט פאָלק האָט דערוועקט מיין אויפמערקזאַמקייט? דאָס דאָזיגע פאָלק האָט דאָך דער וועלט אַזוי פיל וואָרהייטן געגעבן!

— און איר — האָט דער פירשט געזאָגט — גלויבט

טאַקעווירקליך, אַז אַ איד זאָל קענען איבערנעמען אינגאַנצן די איידעלע נאַטורן, און קלוגע פאַרשטאַנד, אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל קענען רעדן מיט פאָלקאָמער פיינקייט, ווי איר, לְמָשָל, פירשטן?

אסתר איז רויט געוואָרן, די פרינצעסן איז איר געקומען צו הילף:

— איך גלויב עס יאָ — האָט זי געזאָגט — איך האָב דאָך דיר דערציילט וועגן מיין יוגענד־פריינדן אסתר, וועלכע האָט מיר דאָס לעבן געראַטעוועט.

— אָה, יאָ, — האָט דער פירשט געזאָגט — אָט די, וואָס האָט מיט געפאַר פאַר איר אייגן לעבן אַראָפּגעריסן פון דיר די גיפטיגע שלאַנג און איז שפּעטער אומגעקומען אין דער שְׂרֵפָה!

— מיר האָבן נאָך דער שְׂרֵפָה געהאַט אַ טָעוּת — האָט די פרינצעסן געענטפערט — אסתר איז נישט פאַרברענט געוואָרן. זי איז אַנטלאָפן, כְּדֵי נישט צו דאַרפן אויסטוישן איר גלויבן אויף עֲשִירוּת און כָּבוֹד.

— דאָס וואָלט געוויס געווען אַ גרויסער שריט — האָט פירשט פאול געזאָגט, פאַרטראַכטערהייט — ווען דאָס וואָלט נאָר געווען אמת. איך וועל דיר זאָגן, פאַרוואָס דאָס אידישע מיידל איז פון הויף אַנטלאָפן: ווייל זי האָט זיך דאָרט געשפּירט אומאַנגענעם, ווייל די הויף־עטיק האָט איר געדריקט, ווייל זי האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון די אידישע זיטן און פון דער אידישער שפּראַך, ווייל ס׳האָט איר געצויגן צוריק צו האַנדל מיט אַלטע מַלְבּוּשִים, צום שמוץ און צום נאָכגעלאָזנקייט. דאָס אַלץ איז שוין ביי אידן די צווייטע נאַטור געוואָרן, און דער דאָזיגער שְפּל׳דיגער סאָרט מענטשן קען עס נישט פאַרטוישן מיט די אדעל־לייט און מיט די הויכע פערזענליכקייטן, ווי אויך הויכקייטן, וואָס רינגלען זיי אַרום.

ביי אסתר׳ן האָט זיך דאָס פּנים אָנגעצונדן פאַר בושה און כּעס; אָבער מאַריא האָט איר אַ וואונק געטון צו פאַרהאַלטן זיך רוהיג און האָט געזאָגט:

— און ווי וועט זיין, ווען איך וועל דיר פאָרשטעלן אַ אידישע פרוי, וועלכע האָט זעקס יאָר געלעבטביים קעניגליכן הויף און דאַן ווידער זעקס יאָר — צווישן די אידן, וואו זי האָט מיט אַ איד חתונה געהאַט און האָט אים שוין געבאָרן צוויי אידישע קינדער און פונדעסטוועגן איז זי זיך געבליבן אַ פּאָלקאָמע הויפדאַמע און זי ברויך נאָר אָנצוטון מַלְבּוּשִׁים, כְּדֵי תֵּיכֶף צו ערשיינען אַלס פּאָלקאָמע הויפדאַמע?

— דאַן — האָט פירשט פּאול געזאָגט לאַנגזאַם — דאַן וואָלט איך מיך ערקלערט פאַר באַזיגט; איך וואָלט פאַראורטיילט מיינע ביז־יעצטיגע מיינונגען וועגן די אידן און תּיכף אָנגענומען די אנשויאונגען פון אונזער פריינדן.

— אָבער איידער מאַריא וועט צוטרעטן אויסצופירן די פּראָבע... — האָט אסתר אָנגעהויבן צו זאָגן.

— מוז איך בעטן מיין מאַן ער זאָל מיר אַנטשולדיגן, פאַרוואָס איך האָב מיך ערלויבט אים אַריינצוברענגען אין טָעוּת, — האָט מאַריא אָפּגעהאַקט אין דערמיט.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ טָעוּת? — האָט פירשט ראַדזיוויל געפרעגט.

— ערלויב מיר — האָט מאַריא געענטפערט — צו ענטשולדיגן זיך אין דער פאָרם פון אַ מָשָׁל: אַ פירשט אויף דער רייזע האָט אַמאָל צוגעשיקט אַ טייערן דימאַנט אַ מַתָּנָה זיין פרוי, דער פירשטן. אָבער דער דימאַנט האָט נישט געהאַט קיין שום איינפאַסונג, און די פירשטן וואָלט אים נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריג דעריבער האָט דער הויז־הויפמייסטער

ביים באַקומען דעם דימאַנט געלאָזט פריער אים איינפּאַסן אין גאָלד און ערשט דאַן דערלאַנגט אים דער פירשטן, וועלכע איז גאָר ענטציקט געוואָרן פון אים. און ווען מען האָט דערנאָך, צוליב דעם פירשט, ווידער אַרויסגענומען דעם דימאַנט פון זיין איינפּאַסונג, האָט די פירשטן נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן אים און האָט געדאַנקט איר מאַן פאַר זיין טייערער מַתָּנָה, — מיין מאַן, איך אַליין האָב געהאַט אָט אַזאַ דימאַנט, וועלכן איך האָב דיך געוואָלט באַווייזן; אָבער כְּדֵי דו זאָלסט אים, ווי געהעריג אָפּשאַצן, האָב איך באַשלאָסן צו ווייזן אים דיר פריער אין אַ געהעריגע איינפּאַסונג.

— מאַריא, דו רעדסט מיר אין רעטענישן!

— טאָ הער־זשע די ערקלערונג פונ׳ם רעטעניש — נאָך אַ לאַנגער געצוואונגענער שיידונג האָב איך ענדליך ווידער געפונען מיין געליבטע פריינדן אסתר. דו אָבער וואָלסט דאָך נישט געהאַט פאַר דער אידישער טאָכטער קיין איינציג גוט וואָרט. דעריבער האָב איך זי דיר פאָרגעשטעלט אַלס די פירשטן יאַבלאָנסקא...

דער פירשט האָט, נישט גלויבנדיג, געקוקט אויף אסתר׳ן. אסתר האָט זיך פאַרנויגט.

אָט יעצט האָסטו — האָט פּרינצעסין מאַריא גערעדט ווייטער — מיין דימאַנט אין דער געהעריגע איינפּאַסונג — אין הויף־קליידער, מיט אַ פירשטליכן טיטול. און אָט דאָ ערשט האָסטו זיין ווערט דערקענט. איך בין יעצט איבערצייגט, אַז אויך אין איינפּאַכע מַלְבּוּשִׁים וועסטו פאַרשטיין אָפּצושעצן איר.

— איר האָט מיך באַזיגט — האָט פירשט פּאול אויסגערופן, נאָכדעם ווי ער איז אַביסל צו זיך געקומען פון

זיין געוואַלטיגער פאַרוואונדערונג. — איך בין געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון מיינע ביז־יעצטיגע אנשויאונגען און אָננעמען די אנשויאונגען פון אונזער פריינדן, כאָטש זי הייסט שוין נאָר אסתר און האָט נישט קיין פירשטליכן טיטול, יאָ, כ׳זעה שוין, ס׳איז פאַרהאַן אַזאַ מין אדעל, וועלכן ג־ט אַליין האָט די מענטשן איינגעטיילט, דאָס איז דער אדעל פון ג־ט׳ס גנאַד!

און ווענדענדיג זיך צו אסתר׳ן, האָט ער געזאָגט:

— זענט מיר באַגריסט יעצט נאָך איין מאָל, אַלס די פריינדן פון מיין פרוי און איר לעבנס־רעטערן.

דער פירשט האָט יעצט ערוואַרטעט, אַז אסתר וועט אים באַלד בעטן גנאַד פאַר די אידן, אָבער אסתר האָט זיך געהיט דאָס צו טון. זי האָט מיט קיין איינציג וואָרט נישט דערמאַנט יענע אַנגעלעגנהייט. דעם פירשט איז דאָס זעהר געפעלן געוואָרן. שטיל זענען זיי אין גאָרטן אַרומגעגאַנגען; יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען. פּלוצלונג איז דער פירשט געבליבן שטיין שטיל און האָט געזאָגט:

— מאַריא, איך דערמאַן זיך, אַז דיין פריינדן האָט נאָך נישט באַקומען קיין מַתָּנה פאַר דיין רעטונג, זי אַליין, האָט דורך איר אַנטלויפן, זיך אָפּגעזאָגט פונ׳ם דאַנק פון דיינע קעניגליכע עלטערן. דערפאַר וויל איך איר באַלוינען, איך גלויב, אַז הונדערט טויזענד דוקאַטן וועט נישט זיין צופיל פאַר׳ן ראַטעווען אַזאַ טייער לעבן, ווי דאָס לעבן פון אַ קעניגליכער פרינצעסן און אַ פרוי פון פירשט ראדזיוויל. נו, אסתר, איך שענק אייך די סומע, וואָס איך האָב אַרויפגעלייגט אויף דער ווילנער אידישע קהִילה און וועלכע זי וועט מיר מוזן אויסצאָלן. איר קענט די דאָזיגע סומע האָבן פאַר זיך!

אסתר, וועלכע האָט אַזוי גאָר אומערוואַרטעט זיך דערזען ביים ציל פון איר פאַרלאַנג, האָט קיין וואָרט נישט געקענט

אַרויסריידן. אירע אויגן זענען מיט טרערן פול געוואָרן. מאַריא האָט אויסגערופן:

אָה, מיין מאַן, דו מאַכסט מיך העכסט גליקליך!

# פיפצנטער קאַפּיטל

אַן איבערראַשונג איז עס געווען פאַר די אידן, ווען אַ פירשטליכע קאַרעטע איז זיך אַדורכגעפאָרן דורך די אידישע גאַסן און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר רבי מנחם׳ס הויז. און ווען דער פירשט מיט דער פירשטן זענען מיט אסתר׳ן אַרויסגעשטיגן פון דער קאַרעטע און געפירט דורך רבי מנחם, זענען זיי אַריינגעקומען אין זאַל, און ווען רבי מנחם׳ס מְשָׁרֵת האָט צוזאַמענגערופן די רַבָּנִים און די פַּרְנָסִים מיט די גַבָּאִים צו רבי מנחם׳ן אין שטוב אַריין, האָט די נייגעריגקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג שוין גאָרנישט געהאַט קיין גרעניץ. אַ גרויסער הֲמוֹן האָט אַרומגערינגעלט דאָס הויז, וואו די הויכע הערשאַפטן האָבן זיך געפונען. דאָרט זענען געזעסן דער פירשט און די פירשטן; אין זייט איז געשטאַנען אסתר, שוין ווידער אין אירע אידישליכע קליידער מיט איר פערלבאַנד. רבי מנחם האָט אַריינגעפירט זיינע ריין־געקליידעטע קינדערלעך און די פרינצעסין האָט זיי אויפין שויס גענומען און געהאַלזט.

באַלד זענען געקומען די רַבָּנִים און די פַּרנסים און זיך געבוקט פאַר זייער שטרענגען הערן.

— איך האָב אייך איינגעלאַדן — האָט דער פירשט געזאָגט — כְּדֵי צו פרעגען ביי אייך, צו איר האָט שוין צוגעגרייט די קאָנטריבוציע, וואָס די אידישע קהלה דאַרף איינצאָלן.

— אַנטשולדיגט אונז — האָט מיט עֲנִיווּת געענטפערט דער רב אַב־בֵּית־דִין — מיר קענען אַזאַ סומע נישט צוזאַמענגעמען, סיידן מיר זאָלן אַלע בעטלער ווערן.

— ווּעמען געהערט דען אייער געלד? דאָס אַלץ געהערט דאָך אייער פירשט!

— מיר ווייסן עס — האָט דער רב געענטפערט, — מיר שטייען אין דער מאַכט פון אייער הויכגעשעצטקייט און מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייער גנאַד: לאָזט אונז אַראָפּ אַ העלפט פון דער סומע, דען עס וועט אונז שווער ווערן צוזאַמענצונעמען די אַנדערע העלפט.

— קיין איינציגן פעניג וועל איך אייך נישט אַראָפּלאָזן. בְּמֶשֶׁך פון פיר וואָכן מוזט איר אָפּצאָלן די גאַנצע סומע רבי מנחם׳ס פרוי. דאָס געלד שענק איך איר, ווייל זי איז געווען די יוגענד־פריינדין פון מיין פרוי און האָט איר איינמאָל דאָס לעבן געראַטעוועט.

ווען דער ערשטער פּרנס, וועלכער האָט פריער גע׳טַענה׳ט, אַז ווילנא האָט נישט קיין געלד אויסצוקויפן אסתר׳ן, האָט דאָס דערהערט, האָט ער די אויגן פאַר בּושה און חַרָטָה צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט.

— און אסתר — האָט דער פירשט ווייטער געזאָגט — קען מיט׳ן געלט טון, וואָס זי וויל.

— גייט — האָט ער געזאָגט צו די רַבָּנים און פַּרְנָסים — און ברענגט די פרייליכע בּשׂורה אייערע ברידער.

אַלע האָבן דעם פירשט געדאַנקט פאַר זיין גוטע בּשׂורה, דאַן זענען זיי אויפ׳ן גאַס אַרויס, און באַלד האָט מען דערהערט אַרום שטוב און דערנאָך אין אַלע גאַסן די פרייד־אויסרופן פון די אידן. די שוהלן זענען געוואָרן געפּאַקט, מען האָט פרייליך תהלים געזאָגט און געלויבט דעם אויבערשטן פאַר דער יְשׁוּעה, וואָס ער האָט צוגעשיקט דורך די אידישע פרומע טאָכטער.

אָבער כּמעט נאָך מער, ווי די באַפרייאונג פון דער נויט האָט דערוועקט ביי אַלעמען די פאַרוואונדערונג וועגן אסתר׳ס פאַרגאַנגענהייט. אַלזאָ רבי מנחם׳ס פרוי איז עס געווען אָט

יענע אסתר, ווען וועלכער אַלע פּוילישע אידן האָבן אַזוי פיל געריעדט מיט פאַרוואונדערונג! דאָס איז זי געווען די אנגענומענע טאָכטער פון פּוילישן קעניג און דאָך איז זי אַנטלאָפן פון די קעניגליכער פּרעכטיגקייט, אַבי נאָר צו בלייבן געטריי איר אידישן גלויבן! יעצט האָט מען געוואָלט איר קענען. וואו נאָר זי האָט זיך באַוויזן, האָבן זיך אָנגערופן די אידישע פרויען: ״לעבן זאָל דעם קעניג׳ס אָנגענומענע טאָכטער, די פרומע אסתר״!

אסתר׳ס כָּבוֹד איז אויך געפאַלן אויף איר מאַן רבי מנחם, וועלכן מען האָט פון היינט אָן גערופן נישט אַנדערש, ווי ״דעם קעניג׳ס איידים״.

פון דעמאָלט אָן האָבן אסתר און די פּרינצעסן זיך אָנגעהויבן זען זעהר אָפט. אויך פון דעם קעניג און דער קעניגין זענען אָנגעקומען גרויסע מַתָּנוֹת פון קראָקא פאַר דער נאָך נישט פאַרגעסענער אסתר. סיי דער קעניג, סיי די קעניגין האָבן שטאַרק באַוואונדערט די פעסטקייט פון כאַראַקטער, וואָס די קליינינקע אסתר האָט אַרויסגעוויזן, בלייבענדיג געטריי איר גלויבן.

פאַר רבי מנחם׳ן איז פון זיין פרוי׳ס פאַרבינדונג מיט׳ן הויף אַרויסגעקומען אַ גרויסע טוֹבה. פירשט ראַדזיוויל האָט אים באַשטימט פאַר פאַרוואַלטער איבער זיין גרויסן פאַרמעגן; ער האָט געמוזט שאַפן דאָס געלט, וואָס דער קעניג האָט נויטיג געהאַט אין דער מִלְחָמָה מיט שוועדן. אין אַ קורצער צייט איז רבי מנחם געוואָרן דער ערשטער און אַנגעזעענסטער סוֹחֵר אין גאַנץ ליטא און פּוילן. דערביי איז ער זיך געבליבן אַן עָנָו און האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען תּוֹרה טאָג־טעגליך. פאַר די אָרימע לייט איז זיין הויז געשטאַנען אָפן פונקט ווי פריער: די אָרימע לייט זענען געווען דאָס געוואוינליכע הויז־געזינד ביי אים.

אויך אסתר איז נישט שטאָלץ געוואָרן פון דער פריינדשאַפט, וואָס דער קעניג און די פירשטן האָבן איר אַרויסגעוויזן.

וויפל מאָל פלעגט זי פאַרברענגען אין שלאָס ביי דער פירשטן. און ווען דער קעניג מיט דער קעניגין זענען אַ זומער נאָכדעם געקומען קיין ווילנא צוגאַסט צו זייער טאָכטער, איז אסתר געפאָרן שפּאַצירן מיט די קעניגין און איר טאָכטער מאַריא אין איין קאַרעטע דורך די ווילנער גאַסן און דער גרויסער עולם האָט זיי באַגריסט מיט דער גרעסטער און העכסטער התלהבות.

אָבער נישט קוקנדיג אויף אַלע ביטעס, האָט אסתר שוין מער נישט געטוישט אירע מלבושים, דען זי האָט נישט געוואָלט אונטערשיידן זיך מיט קיין זאַך פון איהרע אידישע ברידער און שוועסטער. דערביי האָט זי אָבער געהאַט די באַפרידיגונג, אַז אירע עצות האָט מען אויסגעהערט, ווי די רייד פון אַ באַרימטער חכמה, און מען פלעגט אָפט פרעגן איהרע עצות אין וויכטיגע אנגעלעגנהייטן. דען אונטער אסתר׳ס פערלבאַנד האָט זיך באַהאַלטן אַ טיפער פאַרשטאַנד. דערגעגען ביי פיל הויפדאַמען איז דער מוח און דאָס האַרץ געווען גאָר פוסט און וויסט.

אָפטמאָל פלעגט די פרינצעסין קומען צו אסתר׳ן, כּדי צו זען, ווי זי לעבט ביי זיך אין דער היים. און ווען איינמאָל זענען אַראָפּגעקומען צו אסתר׳ן אין שטוב אַריין דער קעניג מיט דער קעניגין, האָט מען אין גאַנץ ווילנא גערעדט:

— דער קעניג׳ס אידים נעמט אויף היינט זיינע ״שוויגער־עלטערן״ צו גאַסט!

דאָס איז געווען אַ טאָג פון כּבוד פאַר ווילנא; אַפילו דער

פראָסטעסטער אַרבייטער איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס איינער פון די בַּעלֵי בַּתִּים אין שוהל איז ״דעם קעניגס איידים״.

# זעכצנטער קאַפּיטל

רבּי שַׁבּתי כֹּהֵן איז דערווייל מפורסם געוואָרן אויף דער וועלט. סך הַכֹּל אַ מאַן פון פערציג יאָר אַלט, איז ער שוין אַנערקענט געוואָרן אַלס רַבָּן שֶׁל כָּל בְּנֵי הַגּוֹלָה. זיין פֵּירוּשׁ צום יוֹרֶה דֵעָה האָט זיך געשווינד פאַרשפּרייט צווישן אַלע אידן, און די רבנים אין אַלע עקן וועלט האָבן אים אַנערקענט פאַר אַ פּוסק אַחרון. רבּי שַׁבּתי האָט אויך געהאַט אָנגעשריבן אַ פֵּירוּשׁ צום חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אָבער עס האָט אים געפעלט געלד צו פאַרעפנטליכן אים אין דרוק. ווארום די חִבּוּרים, וואָס די רַבָּנים פלעגן שרייבן און אַרויסגעבן, האָבן קיינמאָל נישט פאַרשאַפט קיין עֲשִׁירוּת, נאָר זיי האָבן געפאָדערט גייסטיגע און מאַטריעלע קָרְבָּנוֹת. און אָט האָט רבי שַׁבּתי זיך געטראַכט — ״אֶפְשָׁר וועט מען מיר אין מיין אַלטן פאָטערלאַנד, אין דער ליטא, געבן די מיטלן צו דרוקן מיין סֵפֶר, וועלכער איז דאָך אַזוי נויטיג פאַר אַלע אידן, וועלכע ווילן זיך באַקענען מיטן יידישן דִּין־וּמִשְׁפָּט?״

רבּי שַׁבּתי האָט זיך דעריבער געלאָזט אויף דער רייזע און איז געקומען קיין ווילנא. ווען מען האָט זיך דאָרט דערוואוסט, אַז דער ש״ך איז געקומען, איז עס געוואָרן אַן אֶמֶת׳ער איינלויף, יעדערער האָט געוואָלט זען דעם גרויסן גאון. רבּי מנחם האָט זיך אויסגעבעטן די עהרע אויפצונעמען דעם גָאוֹן ביי זיך אין שטוב און די רַבָּנִים און גַבָּאִים האָבן געבעטן דעם ש״ך אַז ער זאָל דעם נאָנטן שַׁבָּת זאָגן תּוֹרה אין שוהל.

די גרויסע ווילנער שוהל איז געווען פול געפּאַקט. די מאַנזבילן זענען געקומען, כְּדֵי צו הערן און לערנען, די פרויען זענען געקומען אין עֶזְרַת נָשִׁים, כְּדֵי צו הערן און בענשן זיך אַזעלכע קינדער צו האָבן, און די עלטערן האָבן מיט זיך

זייערע קינדער געברענגט, כְּדֵי צו דערוועקן ביי זיי אַ חֵשֶׁק צו לערנען תּוֹרה.

רבי שַׁבּתי האָט נאָך אַ קורצער הַקְדָמה פון דְבָרִים הַמוֹשְׁכִים אֶת הַלֵב, אָנגעהויבן זאָגן תּוֹרה אין דער טיפער סוגיא פון בָּבָא מְצִיעא ״תָּקְפוֹ כֹּהֵן״, וועלכע ער האָט אַזוי וואונדערליך באַלויכטן, אַז אַלע קשיא׳ס זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. די פאַרזאַמלטע זענען געשטאַנען, ווי באַגייסטערט. אין עֶזְרַת־נָשִׁים איז צווישן די פרויען געשטאַנען אויך אסתר און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער׳ל מיט הויכער באַגייסטערונג. זי האָט מיט אירע אויגן און אויערן געצילט צום גָאוֹן; אַזאַ שטימע ווי זיינע, האָט זי נישט געהערט פון דעם פריהעסטער יוגענד. צו איז עס נישט געווען די שטימע פון איהר פאָטער, ווי דעמאָלט, ווען ער איז אין פרינסק נעבן איר בעט געזעסן און האָט גמרא געלערנט? מיט געוואַלד האָט זי אָבער דאָס געדאַנק אָפּגעשטויסן פון זיך, ווייל צו קען זי דען האָבן דאָס הויכע גליק צו זיין די טאָכטער פון אָט דעם גרויסן גאוֹן; צו האָט זי טאַקע אין אים געפונען איר פאָטער, נאָך וועלכן זי האָט אַזוי לאַנג און שטאַרק געבענקט? און דערצו נאָך וואָס פאַרא פאָטער, דער גרעסטער מאַן אין דער אידישער וועלט! אָה, דאָס וואָלט געווען פאַר איר צו־פיהל גליק! און ווי אַזוי וועט זי איר פאָטער דערקענען?

אסתר האָט זיך באַמיט צו באַרוהיגן.

— ס׳איז גאָרנישט — האָט זי מיט זיך גע׳טענה׳ט — פוסטע איינריידעניש, ווייטער גאָרנישט. ווער ווייס, צו מיין פאָטער לעבט נאָך גאָר, צו איז אים געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון די מערדערישע קאָזאַקן?

דאָס דאַוונען אין שוהל האָט זיך געענדיקט. רבי שַׁבּתי איז מיט דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן עוֹלם אָפּגעפירט געוואָרן צו

רבי מנחם אין שטוב. מען האָט דעם גאון פּשוט אויף די הענד געטראָגן. יעדער האָט געהאַלטן פאַר אַ גליק אין זיין מַלבוש זיך אָנצורירן, צו קומען נענטער צו אים און אַ קוק טון אין זיין ליכטיגן פּנים.

ביי רבי מנחס׳ן האָבן זיך פאַרזאַמעלט די גרעסטע לומדים און חשובים לכבוד דעם ש״ך. יעדערער האָט געהאַלטן פאַר אַ גליק, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה צו הערן דעם גרויסן גאון תּורה זאָגן.

אסתר האָט געלאָזט מְכַבֵּד זיין דעם עולם מיט וויין און געבעקס. מען האָט געמאַכט ״ברכה״, דער עולם האָט געזאָגט ״לְחַיִים״, די שטימונג איז געוואָרן אַ פרייליכע. רבי מנחם האט אויפגעהויבן אַ בעכער וויין און געטרונקען ״לחיים״ דעם רביין, דאַן האָט דער ווילנער רב געטרונקען ״לחיים״ פאַר׳ן בעל הבית, ״דעם קעניגס איידים״.

— וואָס באַדייט דער דאָזיגער נאָמען? — האָט רבי שבתי כהן געפרעגט פאַרוואונדערט.

— איר דאַרפט וויסן, רבי, — האָט איינער פון די געסט געזאָגט — אַז רבי מנחס׳ס ווייב איז די אָנגענומענע טאָכטער פון קעניג, וועלכע האָט אין קעניגליכן הויף, ווי דניאל ביים הויף פון נבוכדנצר, אָפּגעהיט זיך פון נישט־כּשר עסענס.

— דאָס איז דאָך אונזער פרומע אסתר — האָט אַ צווייטער גאַסט געזאָגט — די פריינדין פון די פרינצעסין מאַריא.

— זי האָט דאָך געראַטעוועט אונזער קהלה פון אומגליק!

— האָט אַ דריטער גאַסט אויסגערופן.

— זי פאָרט דאָך אין איין קאַרעטע מיט׳ן קעניג און מיט דער קעניגין און דאָך איז זי אַ געטרייע אידישע טאָכטער! — האָט אַ פערטער צוגעגעבן.

רבי שַׁבּתי איז געוואָרן בלאַס, ער האָט אָנגעהויבן ציטערן אין גאַנצן לייב.

— אָבער — האָט ער ענדליך מיט גרויסע מיה אַרויסגערעדט — יענע אסתר איז דאָך אומגעקומען אין דער שְׂרֵיפה פון קעניגליכן פּאַלאַץ!

— ניין — האָבן אַלע געענטפערט — ניין, רבי, זי איז נישט פאַרברענט געוואָרן! אָט איז זי דאָך!

און אינים זעלבן אויגענבליק איז אַריינגעקומען אין זאַל אסתר. בעלאָדן מיט טעלער און פלעשער, מיט וויין און געבעקס, ווי אַן עכטע עֲקֶרֶת הַבַּיִת.

— אַנטשולדיגט! — האָט זיך רבי שַׁבּתי אָנגערופן צו אסתר׳ן — איידער איר זענט צום קעניג אין פּאַלאַץ אַריינגעקומען, וואו זענט איר געווען.

— דער קעניג — האָט אסתר געענטפערט — האָט מיך אַלס טויט אין וואַלד געפונען. אין וואַלד האָט מיך געבראַכט מיין פאָטער, אַנטלויפענדיג פון די קאָזאַקן.

רבי שַׁבּתי האָט אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס און האָט אויסגערופן:

— מיין טאָכטער, מיין אסתר׳קע! יאָ, דו ביזט דאָך, ווי צוויי טראָפּן ענליך צו דיין פאַרשטאָרבענער מוטער מרים!

— אַזוי ענדליך, טאַטע, איך האָב אייך באַלד דערקענט! צו האָט איר נישט געלערנט ביי מיין קראַנקן בעט די סוגיא פון ״תָּקְפוֹ כֹּהֵן״?

— יאָ, יאָ, אָט דאָס איז עס! אָה, מיין לאַנג־געזוכטע און געליבטע טאָכטעריל!

דאָס איז געווען אַ האַרץ־רירנדע סצענע. ביי אַלע געסט אַרום זענען טרערן אין די אויגן געשטאַנען; יעדערער האָט

קוים זיך דערוואויגן צו אָטעמען, ביז רבי מנחם האָט גענומען זיין שווערס האַנד און אויסגערופן:

— יעצט בין איך טאַקע באמת דעם קעניגס איידים, וואָרום מיין שווער איז דער ש״ך ומאַן מַלְכֵי — רַבָּנָן — אַ קעניג אין געביט פון גייסט, אַ קעניג אין דער ג־טליכער ״תּורה״!

# זיבצענטער קאַפּיטל

וואָס פאַראַ פעדער וואָלט געווען אימשטאַנד צו שילדערן די ענטציקונג פון פאָטער, ווען ער האָט נישט בלויז זיין פאַרלאָרן־געגלויבטע טאָכטער צוריק געפונען, נאָר נאָך מער, ווען ער האָט זי געפונען אויף אַזאַ אופן און ביי אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, אין פוילן און ליטא איז שטאָלץ מיט איר. דער אויבערשטער, דער אֲבִי יְתוֹמִים, האָט זיך אָנגענומען פאַר׳ן פאַרלאָרענעם קינד און האָט עס אַנשטאָט דעם פאָטער אַליין ערצויגן. דאָס, וואָס רבי שַׁבְּתַי האָט דעמאָלט ביים אָפּגעברענטן פּאַלאַץ, מיט אַ פאַרוויטאָגטן האַרצן געזאָגט מיט אַ פרומען געמיט: ״צַדִּיק ד׳ בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו״ — דאָס האָט זיך ערפילט פּאָלקאָם אויף אַ מַמָשׁוּת׳דיגן אופן. צו איז עס דאַן נישט געווען אַן אֶצְבַּע אֱלֹקִים, אַז דַוקא מיט אַ שָׁעָה פאַר אסתּר׳ס געפאַנגענשאַפט ביי די רויבער, איז איר פאָטער, אַליין אַריינגעפאַלן אין די רויבער׳ס הענד און האָט דערקענט אינ׳ם הויפּטמאַן זיין יוגענד־חבר, כְּדֵי אַזוי אַרום ווייכער צו מאַכן זיין פאַרהאַרטעוועט האַרץ און ברענגען אים אין אַזאַ שטימונג, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פונ׳ם פאַרלאַנג צו צווינגען זיין טאָכטער צו שאַנד, פאַרהאַלטענדיג איר ביי זיך! איז דאָך ערפילט געוואָרן פאַר דעם הילפלאָז־פאַרלאָרענעם האַלב־טויטן קינד אין וואַלד, די נְבוּאָה פון יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא: ״וְהָיוּ מְלָכִים אוֹמְנַיִךְ״!

וויפיל האָבן יעצט דער פאָטער און די טאָכטער געהאַט צו דערציילן איינע די אַנדערע! ווי ריכטיג האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס, וואָס אסתּר׳ס מוטער האָט, אַלס גוֹסֵס, פאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט אויסקומען זיי פיל צו ליידן; אָבער דער אויבערשטער האָט זיינע מַלְאָכִים געשיקט צו

ראַטעווען פאָטער און טאָכטער, צו באַשיצן זיי און יעצט ווידער צוזאַמענצופירן זיי אינאיינעם!

און אסתר?

אַלדעס־גוטס און הערליכקייט, מיט וואָס ג־ט האָט איר באַשאָנקען, איז געווען גאָרנישט. געגן דעם, וואָס זי האָט ענדליך איר פאָטער געפונען און נאָך וואָס פאַראַ פאָטער!

ווי מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, האָט גאַנץ ווילנא אין דער פרייד פונים גרויסן גאון טייל־גענומען. די ידיעה וועגן אסתר׳ס פאָטער האָט זיך ווי אַ בליץ פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט און באַלד איז זי אויך אין פּאַלאַץ באַוואוסט געוואָרן. שוין דעם נאָנטן זונטאג זענען דער פירשט מיט דער פירשטן געקומען צופאָרן קיין ווילנא צו ווינשן גליק אסתר׳ן און באַקענען זיך מיט איר פאָטער. דער פירשט האָט לאַנג פאַרברענגט מיט רבי שַבּתי און האָט אים איינגעלאַדן צו קומען אין פּאַלאַץ. דער פירשט האָט ביים גרויסן גאון פיל נאָכגעפרעגט וועגן אידן און וועגן יודענטום, און דאָס, וואָס רבי שַבּתי האָט אים דערציילט, האָט פיל מיטגעווירקט צו ענדערן איינגאַנצן זיינע אנשויאונגען בנוגע די אידן. דאָס, וואָס איז דער טאָכטער געלונגען נאָר אויף העלפט, איז געלונגען דעם פאָטער פאָלקאָם. פירשט ראַדזיוויל איז געוואָרן אַ פריינד און אַ וואוילטעטער פון די אידן זיין גאַנצן לעבן און ער האָט זיינע אַנשויאונגען איבערגעגעבן בירושה זיינע קינדער אויף ווייטער.

רבי מְנַחֵם האָט תּיכף איבערגענומען אויף זיך די הוֹצָאוֹת צו דרוקן זיין שווער׳ס נייעם סֵפֶר. רבי שַבּתי האָט פאַרברענגט אייניגע וואָכן ביים מְסַדֵר זיין די כְּתָבִים זיינע. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער, לויט דער איינלאַדונג פון פירשט, געמאַכט מיט זיין טאָכטער אָפטע וויזיטן אין פּאַלאַץ. אין אַ

געוויסן טאָג האָט דער פירשט מיטגעטיילט רבי שבתיין, אַז מען האָט גענומען געפאַנגען דעם רויבער־הויפּטמאַן ווראַטיסלאַוו און מען האָט אים פאַראורטיילט צוריסן ווערן ״אויפן ראד״. רבי שַבתי און אסתר האָבן זיך פיל מִשְתַּדל געווען פאַר אים און זייער ביטע האָט דער פירשט נאָכגעגעבן, און רבי שַבתיין האָט ער איבערגעגעבן צו ברענגען די גוטע בשורה אַליין אין טורמע דעם געפאַנגענעם.

פאַר׳עקשנ׳ט און מיט אַ נישט־געבראָכענעם כאַראַקטער איז ווראַטיסלאַוו געזעסן אין טורמע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אַ גלח ״מִתְוַדֶה״ צו זיין זיך פאַר׳ן טויט. און אָט איז אַריינגעקומען צו אים זיין יוגענד־חבר, רבי שַבתי, און ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אים מילד און מיט רַחְמָנוּת. און אונטער די האַרציגע רייד רבי שַבתייס איז צושמאָלצן געוואָרן דער האַרטער שאָלעכץ אויפ׳ן האַרצן ביים רויבער. ער האָט אָנגעהויבן מִתְוַדֶה זיין זיך פאַר רבי שַבתיין אויף אַלע זיינע פאַרברעכענס און האָט טיף חֲרָטָה געהאַט אויף זיי. דאַן האָט ער אויסגעדרוקט זיין באַדויערן, וואָס דער טויט אורטייל וואָס וואַרט אויף אים ערלויבט אים נישט אויסצונוצן זיין לעבן אויף מַעֲשִׂים טוֹבִים, כְּדֵי אויסצוקויפן זיינע פאַרברעכענס. און אָט האָט רבי שַבתי אים ערקלערט די פירשטליכע גנאַד. ווראַטיסלאַוו׳ס פרייד איז געווען געוואַלטיג. ער איז געפאַלן רבי שַבתיין צו די פיס און האָט זיי געקושט און האָט צוגעזאָגט הויך צו ברענגען עהרע רבי שַבתייס הִשְתַּדְלוּת פאַר אים. ער האָט פאַרלאַנגט צו ערלויבן אים אַריינצוטרעטן אין דעם פירשט׳ס אַרמעע, כְּדֵי צו קעמפן העלדיש פאַר׳ן פאָטער־לאַנד. די דאָזיגע ערלויבניש איז אים געגעבן געוואָרן. דורך העלדישע מַעֲשִׂים און פאַראַכטונג פאַר׳ן טויט, האָט ווראַטיסלאַוו געשווינד דערגרייכט צו אַ הויכער שטעלונג אין דער אַרמעע, ביז ער איז געפאַלן, ווי אַ העלד אין

דער זיגרייכער שלאַכט אויפ׳ן דניעסטער אין יאָר תכ״ג (1673) וואו דער קעניג יאָהאַן סאביעסקי האָט צוקלאַפּט די טערקן.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו רבי שַבתיין מיט זיינע לייט. סיי רבי מנחם סיי אסתּר, האָבן זיך באַמיט איבערצורעדן דעם פאָטער צו פאַרבלייבן אויף שטענדיג אין ווילנא. רבי מנחם האָט אַליין געוואָלט פאָרן קיין העלישוי צו ברענגען די רביצן, רבי שַבתּי׳ס פרוי מיט רבי שַבתּי׳ס זון קיין ווילנא. רבי שַבתּי האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווייל ער האָט אין די טעג פון זיין גליק נישט געוואָלט פאַרלאָזן די קהִילה, וועלכע האָט אים אויפגענומען אין די טעג פון אומגליק.

ס׳איז, אַגב, אינטערעסאַנט ווי דער ש״ך איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין די שטאָט העלישוי.

דאָס איז געווען אין די שרעקליכע תּקופה פון שנת ת״ח וואָס רבי שבתי האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין געבורטס־לאַנד ליטע אין דייטשלאַנד. דאַן איז ליידיג געוואָרן דער כִּסֵא הָרַבָּנוּת פון די שטאָט העלישוי אין מעהרן. די פַּרְנָסִים פון די חשוב׳ע קְהִילה האָבן געוואָלט איינלאַדן רבי שַבתיין, וואָס זיין נאָמען איז שוין געגאַנגען פאַר אים, אַלס רב אין די שטאָט. די קְהִילה האָט זיך געווענדעט צום רב הכּולל פון דעם געגנט, וועלכער איז געווען אויך דער ניקלסבורגער רב, און אים געפרעגט צו ס׳איז פּאַסנד צו נעמען דעם יונגן גאון אַלס רב אין זייער שטאָט.

אין יענע צייט האָט זיך געמאַכט אַז דער באַוואוסטער גאון דער רבי העשל, רבי שַבתּי׳ס רבי, איז פונקט איינגעשטאַנען ביים ניקלסבורגער רב. דער ניקלסבורגער רב האָט געפרעגט רבי העשל׳ן וואָס איז זיין מיינונג אויף רבי שַבתּי פון ווילנע צו איז ער רָאוּי צו זיצן אויף דעם חָשוּב׳ן כִּסֵא הָרַבָּנוּת פון העלישוי.

״שַבּתי מיין תַּלמִיד — האָט זיך אָנגערופן רבי העשל — איז רָאוּי צו זיין דער רב הכּולל אויף אייער פּלאַץ און איר קענט גיין אין העלישוי״.

דער ניקלסבורגער רב מיט זיין עֲניוות האָט איבערגעגעבן די ווערטער צו די פּרנסים פון העלישוי. און זיי מורא־האָבנדיק טאָמער וועט אַ אַנדערע קהִילה אים ״אויסכאַפּן״ האָבן זיי זיך געאיילט און אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד רבי שַבּתיין אַלס רב.

אָה, ער האָט געפילט, אַז זיינע טעג זענען געציילט! דאָס שווערע לעבן האָט אונטערגעגראָבן די קרעפטן פון זיין לעבן. רבי שַבּתי האָט געדאַרפט יונג פון דער וועלט אַוועקגיין, אין אַן עלטער פון 42 יאָר. אָבער אינים דאָזיגן קורצן לעבן האָט ער אויפגעטון פיל מער, ווי מיליאָנען מענטשן, וועלכע לעבן צוויי מאָל אַזוי לאַנג. ער איז געוואָרן דער רַבָּן שֶׁל כָּל בְּנֵי הַגּוֹלָה און זיין נאָמען וועט ביי אידן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

רבי שַבּתיין איז נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די פרייד צו זען, געדרוקט זיין פירוש אויפן חוֹשֶן הַמִשְפָּט. ערשט נאָך זיין פְּטִירה איז דער דאָזיגער חִיבּור ערשינען, און האָט דערוועקט די פאַרוואונדערונג פון אַלע די, וואָס האָבן אים געלערנט.

די אַלמנה פונים גרויסן גאון איז געקומען מיט איר זון קיין ווילנא, און זי איז אויפגענומען געוואָרן דורך רבי מנחם און זיין פרוי מיט דער גרעסטער ליבשאַפט. רבי מנחם האָט ערצויגן זיין שוואָגער — מֵאיר האָט ער געהייסן — ווי זיין אייגענעם זון. אויך רבי מאיר איז געוואָרן אַ גָדוֹל הַדוֹר און ער האָט געשריבן אַ פֵּירוּש צו זיין פאָטערס אַ ווערק מיט׳ן נאָמען ״נְקוּדוֹת הַכֶּסֶף״.

#  דעם ש״ד׳ס טאכטער

רבי מנחם און אסתר האָבן דערלעבט צו אַ גרויסן עלטער און געזען פרייד אין זייערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

תם ונשלם שבח לא־ל בורא עולם

# רבי שַׁבְּתַי כֹּהֵן — דער שַׁ״ך (שִׂפְתֵי כֹּהֵן)

אין אַ פֿאַרוואָלקענטער ווינטער טאָג, האָט זיך נעבן דעם הויז פונעם ראש בית דין פון ווסילקוב (אַ שטעטל נעבן ווילנא), אָפּגעשטעלט אַ הערליכע קאַרעטאַ. צוויי מענטשן, שיין אָנגעטון, זענען אַראָפּ דערפון. לויט זייער אויסזען האָט מען געקענט דערקענען אַז זיי זענען רייכע און חשוב׳ע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען אַן עלטערער איד, מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, און דער צווייטער, אַ יונגערמאַן פון עטליכע צוואַנציג יאָר, אַ הויכער, מיט גאָר אַן איידעלע פנים, און שוואַרצע גרויסע אויגן.

דער רב האָט נאָר־וואָס געענדיגט פאַרלערנען זיין שיעור פאַר די בחורים, און ווי זיין שטייגער, האָט ער זיך געזעצט אין זיין ״בית־דין־שטיבל״ אַביסל זיך אָפּרוען, און געטרינקען אַ גלאָז טיי, וואָס די רביצין האָט פאַר אים צוגעגרייט.

די צוויי געסט זענען אַריין, דער רב האָט זיי אויפגענומען זעהר פריינדלעך, און מ׳האָט פאַר זיי אויך צוגעברענגט אַ וואַרעמע טרונק.

— פון וואו קומט איר? און וואָס טוט איר דאָ? האָט זיי דער רב געפרעגט.

האָט דער עלטערער אָנגעפאַנגען דערציילן. מיר זענען פון ווילנא, דאָרט האַנדלען מיר בשותפות מיט העלצער פון וועלדער, און אַזוי ווי מיר האָבן לעצטנס דיפערענצן צווישן אונז, זענען מיר געקומען האַלטן אַ דין תורה ביים רב.

הערנדיג די ווערטער, האָט זיך דער רב געזעצט אויבן־אָן פון דעם טיש, און געהייסן פאַרן ״תּוֹבֵעַ״, (דער וואָס פאָדערט פונעם צווייטן), ער זאָל אָנהייבן פאַרלייגן זיינע טענות.

דער אַלטער איד האָט אָנגעפאַנגען זאָגן זיינע טענות. ער האָט דערציילט די איינצלהייטן פון זייערע געשעפטן, און צום סוף האָט ער געפאָדערט אַז זיין שותּף, דער יונגערמאַן, זאָל באַצאָלן פאַר אים דאָס גאַנצע סומע פון זיין פאָדערונג.

ווען ער האָט געענדיגט, האָט דער יונגערמאַן אָנגעפאַנגען פאַרלייגן זיינע טענות. ער האָט אויך דערציילט וועגן דעם אָפּמאַך וואָס זיי האָבן צווישן זיך געהאַט, און ערקלערט פאַרוואָס לויט זיין פאַרשטאַנד דאַרף ער גאָרנישט באַצאָלן, אָבער ער האָט זיך נישט באַנוגענט מיט זיין לאָגישן ערקלערונג, ער האָט צוגעברענגט צו זיינע טענות אַ הויפן ראיות פון שלחן ערוך, רמב״ם, און נאָך אַנדערע, און ער האָט אויפגעוויזן אַז ער איז נישט מחויב צו באַצאָלן.

ווען זיי האָבן געענדיגט, האָט זיי דער רב געהייסן ״מְקַבֵּל קִנְיָן״ זיין, אַז זיי וועלן אויספירן דעם פסק וואָס ער וועט אַרויסגעבן, אָבער דעם פסק אַליין האָט דער רב נאָך נישט געגעבן, ווייל ער האָט נאָך געוואָלט נאָכקוקן אַלע דינים וואָס באַלאַנגען צו דעם באַהאַנדלטן ענין.

## רבי שפתי כהן — דער ש״ך

נאָך מנחה זענען זיי צוריק אַריין צום רב אויסהערן דעם פּסק. און דער פּסק איז געווען אַז דער יונגערמאַן דאַרף צו באַצאָלן פאַר דעם אַלטן איד דאָס גאַנצע פאָדערונג. אין זיין פּסק האָט דער רב זיך אויסגעדרוקט, אַז ווי עס זעט אויס, האָט דער יונגערמאַן זיך גוט צוגעגרייט צו דעם דין תּורה, ווייל ער האָט דורך געלערנט אַלע גמרות און פּסקים וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ענין, אָבער לעצטנס איז אַרויס אַ ספר פון אַ יונגן מחבר, וואָס איך קען אים נאָך נישט, אָבער עס דערקענט זיך פון חיבור אַז ער איז אַ גרויסער גאון, און לויט דעם ספר קומט אויס אַז דער יונגערמאַן דאַרף צו באַצאָלן. און דעריבער בין איך מְחַיֵּיב דעם יונגערמאַן צו באַצאָלן.

דער יונגערמאַן איז געוואָרן איבעראַשט, און האָט געפרעגט דעם רב, וועלכן ספר ער מיינט.

— ״שפתי כהן״ — פון הגאון רבי שבתי כהן, ענטפערט דער רב אין קורצן.

דער יונגערמאַן צושמייכלט זיך, און רופט זיך אָן ״אֵין אָדָם רוֹאֶה חוֹבָה לְעַצְמוֹ״, (אַ מענטש זעט נישט פאַר זיך קיין שלעכטס).

— וואָס מיינט איר דערמיט — פרעגט אים דער רב.

— איך בין דער מחבר פון ״שפתי כהן״ — זאָגט דער יונגערמאַן שטילערהייט — ממילא איז נישט גלייך מ׳זאָל מיך באַשולדיגן צו באַצאָלן לויט ווי איך זעלבסט האָב געשריבן.

דער רב קוקט גוט אָן דעם יונגערמאַן, ערשט יעצט איז זיין איבעראַשונג נאָך גרעסער, אַזוי יונג אין אַזאַ גרויסער גאון, און מיט אַ גרויס פרייד רופט ער זיך אָן: ״דו ביסט דער וואונדערליכער יונגערמאַן?! גלוקליך איז די פרוי וואָס האָט דיך געבוירן!״

און זאָגנדיג די ווערטער האָט זיך דער רב אויפגעהויבן פון זיין שטול, און אַרומגענומען דעם יונגערמאַן מיט גרויס ליבשאַפט...

* * *

רבי שבתי כהן האָט געשטאַמט פון גאָר חשובע און מיוחס׳דיגע משפחה, זיין טאַטע, רבי מאיר, וואָס איז געווען דער זון פון רבי משה כ״ץ אשכנזי, אַ רב אין פרנקפורט דמאיין, און אב״ד אין דונהויזן, דייטשלאַנד, איז געווען אב״ד אין אַמסטיבּוּווֹ. פון זיין מאַמעס זייט איז ער געווען אַ קרוב צו ר׳ נתן שפירא, דער מחבר פון דעם הייליגן ספר ״מגלה עמוקות״, וואָס איז געווען אב״ד אין קראקא.

רבי שבתי איז געבוירן אין יאָר שפ״ב. נאָך אַלץ קליין קינד האָט מען געזען אין אים גרויסע כשרונות, וואָס האָבן אַרויסגערופן וואונדער ביי יעדן. זיין טאַטע וואָס האָט געלערנט מיט אים פון קליינערהייט, האָט זיך אויך געשטוינט פון זיין גרויס שאַרפקייט.

## רבי שפתי כהן — דער ש״ך

ווען ער איז געווען אַלט פיר יאָר, האָט זיין טאַטע געלערנט מיט אים די סדרה פון חיי שרה, און ער האָט אים ערקלערט די ווערטער פון רש״י וואָס זאָגט אויף דעם פסוק ״וָאָבוֹא הַיּוֹם אֶל הָעָיִן״, אַז אליעזר, דער קנעכט פון אברהם האָט געזאָגט ״הַיּוֹם יָצָאתִי וְהַיּוֹם בָּאתִי, מְלַמֵּד שֶׁקָּפְצָה לוֹ הָאָרֶץ״. היינט האָב איך מיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג, און היינט בין איך אָנגעקומען, איז געדרינגען אַז ער האָט געהאַט קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ.

פרעגט דאָס קינד פון זיין טאַטן: פון וואו האָט רש״י גענומען אַז אין דעם זעלבן טאָג איז ער אויך אַרויס? און נאָך אַ זאַך איז שווער, מיט וואָס האָט ער געקענט איבערצייגן דאָס, אַז אין איין טאָג איז ער געגאַנגען אַ וועג וואָס האָט געדאַרפט געדוירן עטליכע וואָכן?

דער טאַטע איז שטיל געבליבן און נישט געקענט ענטפערן. האָט זיך דאָס קינד פאַרטראַכט, גענומען קוקן אין חומש, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן מיט פרייד: טאַטע, איך האָב אַן ענטפער דערויף. רש״י זאָגט ווייטער, אַז ער האָט געוויזן אַ ״שְׁטַר מַתָּנָה״, וואָס אברהם אבינו האָט געשריבן, אַז ער גיט איבער זיין גאַנצע פאַרמעגן פאַר יצחק. און אויף אַ שטר שרייבט מען דאָך דעם דאַטום, ממילא האָט מען דאָך געזען אַז עס שטייט דערויף דער היינטיגער דאַטום...

ביי די צוועלף יאָר האָט אים זיין טאַטע געשיקט קיין טיקטין, צו לערנען ביי זיין פריינד, דער גאון רבי יהושע, דער מחבר פון ״מגיני שלמה״, און ״פני יהושע״, און ווען דער גאון איז אַריבער קיין קראָקא, איז ער אויך מיט געגאַנגען מיט אים, און זיין קוואַטיר איז געווען ביי זיין קרוב, דער ״מגלה עמוקות״.

אין יענע צייטן איז געווען באַרימט די ישיבה מיט די גרויסע ראשי ישיבות וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די ישיבה, רבי השיל און רבי נפתלי כ״ץ. דער יונגער שבתי האָט געלערנט אין דער ישיבה, און זיין נאָמען האָט געקלונגען ביז גאָר ווייט.

אין ווילנא האָט זיך דערוואוסט פון אים הרב ר׳ בנימין זאב, אַ חשובער איד, און אַ גרויסער עוֹשר, אַן אייניקל פונעם רמ״א. ער האָט זעהר געוואָלט ערדייכן דעם יונגען עילוי, פאַר אַ חתן. ער איז געפאָרן אין ישיבה, און האָט צוגעזאָגט אַ גרויסן נדן פאַר אים, ער זאָל קענען זיצן רוהיג על התורה ועל העבודה, און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן מיט גרויס פרייד.

רבי שבתי איז אַריבער וואוינען איז זיין שווער׳ס הויז, און דאָרט האָט ער זיך משלים געווען אין אַלע טיילן פון די הייליגע תורה. און דעם ש״ך׳ס איידעם, רבי מנחם מוניש, שטעלט פאַר די צייטן פון זיין שווער, ביי זיין שווער׳ס הויז: ״ראש וקצין בין הקצינים, על גפי מרומים משכנו, עוֹשר וכבוד ותורה וגדולה בימינו, הון ועֹשר בביתו, לעד יעמוד צדקתו, אשר החזיק ידי חמי הגאון וספק כל צרכו וצרכי ביתו״.

## רבי שפתי כהן — דער ש״ך

ביי זיין רייכן שווער, איז דער ש״ך געווען באַפרייט פון אַלע דאגות, און ער האָט זיך געקענט ווידמען נאָר צו לערנען די הייליגע תורה. נישט נאָר די טעג, נאָר אויך די נעכט האָט ער אויסגענוצט נאָר צום לערנען. ער האָט געהאַלטן אין איין חזר׳ן יעדע סוגיא מיט גרויסע תלמידי חכמים, און ער האָט דאָרט מחַדש געווען פיל חידושים. דאָרט האָט ער געשריבן זיין גרויסן פירוש אויף שולחן ערוך יורה דעה — ״שפתי כהן״.

פיר און צוואַנציג יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ספר, און האָט איבערראַשט דערמיט אַלע רבנים און תלמידי חכמים פון גאַנץ פולין.

טראָץ זיינע יונגע יאָרן האָט מען אים אויפגענומען פאַר אַ דיין אין ווילנא, אין דעם בית דין פון רבי משה לימא, דער מחבר פון ״חלקת מחוקק״.

אין יענע יאָרן איז געוואָרן פאַרוואָלקנט דער הימל פאַר אידישע קינדער, און שווערע טעג זענען אויף זיי געקומען. דער רשע כאמלניצקי פון אוקריינא האָט אויפגעהעצט דאָס פאָלק קעגן די פריצים וואָס האָבן געוועלטיגט איבער זיי, און די אויפגערייצטע פויערן האָבן זיך פון אָנפאַנג אַרויסגעלאָזט צו די אידישע פערטלען צו באַפאַלן די אידן, וואָס פלעגן האַנדלען מיט די פריצים. די ווילדע פויערן האָבן באַפאַלן מיט אַ רציחה די אידישע הייזער, און זיי האָבן גע׳הרג׳עט און גערויבט אַלעס וואָס זיי האָבן באַגעגענט. גאַנצע קהילות פון אידן האָבן זיי פאַרניכטעט, אָן קיין רחמנות. עס זענען געווען אידן וואָס מ׳האָט זיי אָנגעטראָגן זיי זאָלן זיך שמד׳ן, אָבער די הייליגע אידן האָבן זיך ענדערש געלאָזט אומברענגען אויף קידוש השם, ווי איידער זיך צו שמד׳ן.

רבי שבתי, וואָס האָט צוגעקוקט אָט די אַלע צרות, האָט פאַרגעשטעלט די צרות אין אַ חיבור מיטן נאָמען ״מְגִלַּת עֵיפָה״.

די צרות האָבן אים זעהר פאַרביטערט, אָבער ער האָט דאָך נישט אויפגעהערט פון זיין לערנען. און מיט גרויס התמדה האָט ער ווייטער געלערנט און מחדש געווען חידושים.

ווען ער האָט געשריבן זיין גרויסן חיבור ״שפתי כהן״ אויף שולחן ערוך חושֶׁן מִשְׁפָּט, זענען אָנגעקומען קיין ווילנא די שרעקליכע בשורות פון די קאָזאַקן וואָס נעענטערן זיך צום געגענט. ס׳איז געוואָרן אַ גרויס בהלה, און די מערהייט פון די קהילה האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צו אַנטלויפן באַצייטנס. אין כ״ד תמוז תט״ו, האָבן טויזנטער מענטשן פאַרלאָזט ווילנא, מיט פערד און וואָגנס, אָבער צופוס. מיט די ווייבער און קינדער, האָט מען פאַרלאָזט די שטעט, און געלאָזט הפקר אַלעס פאַר די ווילדע קאָזאַקן. צווישן זיי זענען געווען די גאונים, רבי משה רבקש דער ״באר הגולה״, רבי יעקב ז״ק, דער פאָטער פון ״חכם צבי״, דער מהרש״ק, און אויך דער ש״ך. נאָך אין זעלבן טאָג איז געקומען דער ביטערער טאָג אויף ווילנא, די קאָזאַקן זענען אָנגעקומען און זיי

## רבי שפתי כהן — דער ש״ך

האָבן אויסגע׳הרג׳עט די אַלע וואָס זענען געבליבן, 25 טויזנט מענטשן האָבן זיי גע׳הרג׳עט, און פאַרברענט דאָס גאַנצע שטאָט. זיבצן טעג האָט די שטאָט געברענט, און קיינער האָט דאָס פייער נישט אויסגעלאָשן, ביז ווען עס איז פון די שיינע שטאָט גאָרנישט געבליבן.

די פליטים זענען נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אָנגעקומען קיין לובלין. אָבער דאָרט האָבן זיי אויך נישט געטראָפן קיין מנוחה, ווייל אין ערשטן טאָג סוכות זענען די קאָזאַקן באַפאַלן אויך די שטאָט לובלין, און דורכגעפירט אַ שחיטה. דעם ש״ך איז געלונגען נאָכאַמאָל צו אַנטלויפן. אָבער יעצט האָט ער שוין געזוכט אַרויסוואַנדערן אינגאַנצן פון דעם לאַנד, און ער האָט זיך באַזעצט אין דרעזניץ, וואו מ׳האָט אים אויפגענומען פאַר אַ ראש בית דין.

די שטאָט העלישוי, האָט זיך מקנא געווען אין דרעזניץ, וואָס האָט זוכה געווען צו דעם גרויסן גאון, און זיי האָבן באַשלאָסן אָנטראָגן פאַר רבי שבתי בעסערע באַדינגונגען, און פאַרבעטן אים צו קומען קיין העלישוי. (אויבן אין ביכל, ווערט שוין געברענגט וויאַזוי ער איז דאָרט געוואָרן אויפגענומען).

רבי שבתי האָט אָנגענומען דאָס רבנות אין העלישוי, און ער איז אַריבער קיין העלישוי.

דאָרט האָט זיך רבי שבתי שוין באַרוהיגט, ער האָט זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין זיינע חידושים, און צו פאַרענדיגן זיינע חיבורים. דאָרט האָט ער אויך באַגעגנט אַמאָל און אויפגענומען מיט גרויס פרייד און כבוד, זיין ״קעגנער״, רבי דוד, דער מחבר פון ״טוּרֵי זָהָב״, וואָס קריגט זיך מיט אים אין זיין חיבור.

די ספרים וואָס רבי שבתי האָט מחבר געווען, האָבן זיך צעשפּרייט איבער די גאַנצע וועלט, און דורך זיי איז ער געוואָרן מפורסם איבעראַל, אַלץ אַ גרויסער מוֹרֶה הוֹרָאָה, וואָס יעדער קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

צום ערשט איז ערשינען זיין חיבור אויף יוֹרה דעה, און זיין חיבור אויף חושן משפט האָט שוין געדריקט זיין איידעם רבי מנחם מאָניש.

דער ש״ך האָט געשריבן נאָך ספרים: ״נקודות הכסף״, הערות אויף דעם חיבור ״טורי זהב״, ״הארוך״, אַ פירוש אויפ׳ן טור־בית יוסף, און אַ פירוש אויף הגדה של פסח. אין זיין הקדמה שרייבט דער ש״ך אויף זיין חיבור: ״את ספרי חברתי רק לשם שמים לברר וללבן האמת״, (מיין ספר האָב איך געשריבן נאָר לשם שמים), און שרייבט צו מיט זיין גרויס עניוות: ״אין תלמיד כמוני מכריע בין ההרים הגדולים הגאונים מהר״י קארו ומהר״ם איסרליש חמי זקני זכרו לברכה. ואל יסמכו על פסקי והוראתי. אם ירצה איזה

## רבי שפתי כהן — דער ש״ך

בעל דין לחלוק עלי, הרשות נתונה, כי האמת יורה דרכי״. — (״אַזאַ תלמיד ווי איך קען נישט דיצידירן צווישן די גרויסע פוסקים ווי דער בית יוסף און דער רמ״א — מיין שווער עלטער זיידע. מ׳זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף מיינע פסקים, און אויב איינער וועט זיך וועלן קריגן אויף מיר, איז אים דאָס ערלויבט, ווייל דער אמת איז מיין וועג־ווייזער).

דער ש״ך ערקלערט אין זיין חיבור די הלכות וואָס דער שלחן ערוך און דער רמ״א האָבן גע׳פסק׳נט. אָבער דאָס האַלט אים נישט צוריק פון צו קריגן אויף זיי, ווען לויט זיין מיינונג דאַרף די הלכה זיין אַנדערשט.

אויף זיין פירוש ״שפתי כהן״ זענען געשריבן געוואָרן פיל פירושים, צווישן זיי: ״פרי מגדים״; ״חוות דעת״; ״נתיבות המשפט״; און ״קצות החושן״.

דער ש״ך האָט געזען דעם ספר ״טורי זהב״, און ער האָט דערויף געענטפערט אין זיין פירוש ״נקודות הכסף״. דער ט״ז האָט געענטפערט דערויף אין זיין ״דף אחרון״, און ווידער דער ש״ך האָט ווייטער געענטפערט אין ״קונטרס אחרון״.

ביידע — סיי דער ט״ז און סיי דער ש״ך — האָבן זוכה געווען אַרומנעמען מיט זייערע פירושים דעם שלחן ערוך, און יעדער ווער עס וויל ווערן אַ מורה הוראה דאַרף זיין באַהאַוונט אין ביידע פירושים. זיי האָבן זוכה געווען צו באַלייכטן אונזער וועג ביז צום היינטיגן טאָג.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.